STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06100

OYSGEBENKT

Rachel Boymvol

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

רחל בוימוואָל

✶

אויסגעבענקט

ביכער־סעריע פון „זרובבל—פועלי־ציון"־קרייז אין אַמעריקע

דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן מיט דער מיטהילף פונעם „רייזל און דוד פּאַיום־פאָנד" ביים י. ל. פּרץ־פאַרלאַג, לויטן באַשלוס פון דער זשורי.

רחל בוימוואל

אויסגעבענקט

פארלאג
י.ל. פרץ
ישראל

תל־אביב, תשל״ב — 1972

Rachel Boimwol

OYSGEBENKT

I. L. Peretz Publishing House
31, Allenby Str. Tel-Aviv, Israel

רחל בוימוואַל / אויסגעבענקט

פאַרלאַג י. ל. פרץ, תל־אביב, רח׳ אלנבי 31

צייכענונגען אינעם בוך — ק י ר ש ן

©

נדפס בישראל תשל״ב
Printed in Israel 1972

דפוס „אורלי״, רח׳ עקיבא איגר 8, טל. 32062

ס'איז ווערט!


קירשן

אָ נ ה י י ב י אָ ר

אַ וואָכן צוויי — איך ווייס עס גוט, —
ווי ס'וואַקסט דער טאָג פוןביידע ברעגן.
עס קומט אַלץ צו פון זײַנעטוועגן
פון סוף, פון אָנהייב — צו מינוט.

די זון, ווען כ'קוק אַרויס אין הויף,
פּאַוואָליע, ווי פאַרשלאָפן, קלעטערט.
אויף איין מינוט שטייט פריִער אויף,
אויף איין מינוט פאַרגייט זי שפּעטער.

און דאָך וועט זײַן אַזאַ מין טאָג —
כאָטש ס'טוט זיך אַלץ אַזוי געלאַסן,
ווען ס'וועט מיט פרילינג טאָן אַ טראָג
פון פעלדער זוניקע און גאַסן.

ס'איז הײַנט די לאַנגזאַמקייט צום גוטן.
מײַן אומגעדולדיקייט כ'באַשרענק;
איך ווייס: פון זומערטאָג די לענג
זיך זאַמלט אַפּ פון די מינוטן.

ס׳איז ווערט!

דאָס פֿייגעלע, וואָס כ׳ווייס זײַן נאָמען ניט,
ווי עס צעהאָרעוועט איבער אַ קלאַנג,
ביז סוף כּל סוף עס גייט אַוועק אַ גאַנג,
און ס׳ווערט דער קלאַנג געגליכן צו אַ ליד.

איבער דעם קלאַנג עס מיט זיך ניט געאײַלט,
און פֿײַלט
און פֿײַלט.
אָט טרעט עס אָפּ,
אָט ווידער אָנגעגרײַפֿט,
און שלײַפֿט,
און שלײַפֿט.

אָט שפּאַרט עס אָן דעם קלאַנג
אָן צווײַגלשפּיץ,
און שניצט,
און שניצט.

דרייט מיטן קעפּל,
מעסט אים מיטן אויג,
און בויגט,
און בויגט.

און שטרעקט אים אוים צוריק,
כאָטש ס׳איז ניט לײַכט,
און גלײַכט,
און גלײַכט...

אַזאַ מין האָרעוואַניע —
אומדערהערט!
נאָר, ערן וואָרט, ס׳איז ווערט,
ס׳איז ווערט!

אַן אײַנפאַל

אַן אײַנפאַל פון אַן עפּלבוים —
צו האָבן אויף זיך עפּל!
אַן אײַנפאַל פון אַ טײַכעלע —
צו שעפּן זיך און שעפּן!
אַן אײַנפאַל פון אַ מײדעלע —
צו פלעכטן זיך אַ צעפּל!

אַט פאַלט פון בוים דאָס עפּעלע —
עס איז שוין רײַף געוואָרן.
ס'קומט מיט אַ קרוג דאָס מײדעלע
צום טײַכעלע צום קלאָרן,
זי טראָגט שוין ניט קיין צעפּל מער,
זי האָט זיך אָפּגעשאָרן.

אַן אײַנפאַל פון אַ בחורל —
דאָס מײדל אָפּצוּוואַרטן;
ער זעצט זיך צו אַ ווײַליטשקע
אויף הײ צונויפגעשאַרטן,
אַן עפּל האַלט ער אין זײַן האַנט,
אַזאַ מין ווײַניק צאַרטן!
איך ווײס, ער וועט דערוואַרטן זיך —
איך קען דעם אײַנגעשפּאַרטן!

אויף אָפּרו

ס'האָט אויסגעקליבן אונדזער הויז
אַן אויסגעצייכנט ערטעלע —
עס שטייט דאָס הויז — איין איינציקס בלויז —
טיף־טיף דאָרט צווישן גערטענער.

דאָס שטעגעלע דאָס שמאָלינקע
אין זונענגאָלד אין בלענדיקן —
זיך דרייט און דרייט פּאַוואָלינקע
און וויל זיך גאָר ניט ענדיקן.

פון ווײַטן שטייען שטיבעלעך,
ווי צופעליק צעוואָרפענע,
צעווישן גרינע ציבעלע
און זונענרויזן דאָרפישע.

בײַ נאַכט איז דאָ געהיימנישפול
און פלומרשט, אויך סכנותדיק.
עט, ווייס איך וואָס „סכנותדיק" —
אַבי עס איז לבנהדיק!

אָן טומלעניש, אָן קיין שום רייד,
ביים גאַנעק — טרעפלעך הילצערנע.
עס כאַפּט אַרום אַזאַ מין פרייד,
אַז ס'ווילט זיך... גאָרניט ווילט זיך ניט!

די קירבעס ליגן אויפן דאַך,
עס פירט צו זיי אַ לייטערל...
דאָס פיצל וועלט מיר זאָגט אַ סך, —
איך אײַל עס ניט פאַרברייטערן.

פון וואַגאָן־פענצטער

דער צוג אין פולן גאַנג פאַרקערט.
דורך ווינט, דורך זון, דורך נעפּל
ער רינגלט רונד אַרום דער ערד,
אָט ווי מען שיילט אַן עפּל.

אַלץ רונד אַרום, אַלץ רונד אַרום
ער הערט ניט אויף צו דרייען —
אָט ווי אַ בין אַרום אַ בלום
זיך שטויסן און זיך פרייען.

צוריק אַנטלויפן וואַלד און פעלד,
און טשערעדעס און שטיבער.
עס קרײַזט דער צוג אַרום דער וועלט,
און ניט גערירט לאָזט איבער,

און לאָזט זי איבער ווי זי איז —
אַ רונדיקע, אַ פולע.
ניין, ניט אומזיסט, ניין, ניט אומזיסט
זײַן אימפּעטפולע גדולה!

ווײַל איך בין דאָך אין אים, מיט אים —
זײַן אָנגעשטרענגטער אָדער,
און, ווי אַן אינערלעכע שטים,
זײַן דראַנג פון אים איך פאָדער.

אין סאָד

אין ראָם אין גאָלדענער פון זומערהיץ
די ביימער פונעם סאָד — ווי אויסגעשניצט.
אויף יעדער צווײַג אַ רײַפע פרי זיצט
און בעט זיך: „נעם מיך, נעם, אָט שוין, אָט איצט״!

פון זיך אַליין, נאָך איידער איך באַשליס,
צוט עפּלבוים פאַרפירן מיך די פיס.
די עפּל בעטן זיך: „מיר זײַנען צוקערזיס.
זײַ מוחל, רײַס אַראָפּ און טו אַ ביס...״

מיך רופט צו זיך דער אַלטער באַרנבוים,
וואָס זײַנע באַרן האַלט ער אײַן שוין קוים.
דער פלוימענבוים שטרעקט אויס צו מיר אַ פלוים,
וואָס שפּילט אונטער דער הויט מיט ווײַסן שוים.

דער נוסבוים וואַקסט אַנטקעגן אַקוראַט.
אַ צווילינג ניסלעך שנעלט דאָרט אין אַ בלאַט.
און כאָטש ס׳איז ווײַטלעך, זע איך גאַנץ באַשײַמפּערלעך,
ווי ס׳ווינקען חנוודיק די רויטע ווײַמפּערלעך.

האַרבסטרו

ס'זײַנען צײַטיק די אַרבעס,
ס'זײַנען פֿאַרטיק די קירבעס.
רײַפֿע אויבסן אין הורבעס
און פֿאַרשלאָפֿענע ווערבעס.

ס'האָבן גרינסן, געוויקסן,
טונקל־שווער זיך צעוואַקסן.
אויף די בלעטער — אַ ווײַגשײַן
טוט אַ לויכט, און אַוועק שוין.

אויף די ברויטפֿעלדער פּוסטע,
אויף די פֿעלדער פֿון פּראָסע,
ליגן שאָטנס צעכראַסטעט,
פֿון די ווינטלעך געפּעסטעט.

שטילע טעג — הײַנט ווי נעכטן,
מיט אַלציינסע פֿאַרנאַכטן.
דער נאַטור וועל איך נאָכטאָן —
כ'זאָל איר רו ניט פֿאַרניכטן.

דער באַרנבוים

— האַלט ניט, באַרנבוים, צו באַר אויף יעדן פינגער —
וואַרף אַראָפּ זיי, וועט דיר ווערן גרינגער.

ס׳האָט דיר שוין די לאַסט צעקרימט די קנעכל;
קעגן דיר אַ לינדנבוים זיך קעכלט —

שלאַנק און זאָרגלאָז, בלעטעלע צו בלעטל,
האָט קיין באַרן ניט, און ניט קיין עפּל...

נאָר עס שטייט דער באַרנבוים דער אַלטער
און זײַן פּרוכט אויף זיך מיט חשיבות האַלט ער.

אויף דעם לינדנבוים ער קוקט פון ווײַטן,
קלערט אַפילו ניט מיט אים זיך בײַטן.

דאָס ליבסטע אָרט

ווי ס'איז גוט זיך לאָזן צו דעם טײַך,
צו דעם פעלד, וואָס איז מיט רחבות רײַך!

אַ מחיה — אָפּזוכן אַ לאָנקע,
ביז די קני אין גראָז אַרומצובלאָנקען.

וועגן וואַלד איז ריידן שוין פאַרשפּאָרט!
אַ באַזונדער חן האָט יעדעם אָרט.

נאָר אַ לעבן — דורך די נעכט און טעג —
צו מײַן שרײַבטיש לייג איך דורך אַ וועג.

ווי אַ העלע ראַקעטע

...און דאָס וואָרט וועט אַוועק,
געשיקט פונעם דיכטער,
אין העכסטן וועג,
דורך וואָלקנס געדיכטע.
ווי אַ העלע ראַקעטע,
פאַרלאָזן זײַן צימער,
ווי פון ביכער און העפטן
איז אַ קרײַז אַן אינטימער,
און זיך האַסטיק באַהעפטן
מיט אומענדלעכן שטח...
שפּירט אים נאָך אין זײַן וועג,
איך בעט אײַך!

און דער דיכטער אַליין
אין דעם דאָזיקן פּליטאָג
וועט אין קראָם אַרײַן גיין
עפּעס קויפן צו מיטיק,
ווי ס׳וואָלט גאָרניט געשען.
ס׳וועט זײַן שכן אים גריסן,
ווען ער וועט אים דערזען,
און ניט אָנהייבן וויסן,
וויפל שלאָפלאָזע נעכט
האָט דעם דיכטער געקאָסט דאָס,
אַז ער האָט זײַן באַשיידענע רעכט
אויף דעם קאָסמאָס.

אין דעם פּשוטן וואָרט
אַזאַ קראַפט איז באַהאַלטן, —
דאָס קען ער נאָר, דער דיכטער,
ווי אַן אַטאָם אים שפּאַלטן.
פון דעם אָפּשטויסאָרט שטײַגן
זײַן וואָרט דאַרף געלינגען.
אין דעם דאָזיקן וואָרט
ליגט דאָס האַרץ פונעם זינגער.

ס'איז דאָס וואָרט —
פון יאָרהונדערט
דער שפּאָרזאַמסטער צייכן,
מיטן וואָרט קען מען וווּנדער
שבוווּנדער דערגרייכן.
טרעט דעם וועג אָפּ, איר וויסטע,
איר אַלע פאַרבלענדטע!
„ים פון קלאָרקייט”, ווו ביסטו? —
אַלץ נענטער, אַלץ נענטער!

איך בין אַ טרעגער

איך בין אַ טרעגער. און פון טאָג ביז נאַכט
איך האָרעווע — איך שלעפּ דעם שווערן פּראַכט,
יאָר־איין יאָר־אויס אין מי אַרײַנגעטאָן.
קוים ליכטיק ווערט, איך וואַלגער אויף זיך אָן
די זאָרג פון פרײַנד, דעם צער פון שכנים,
די פרייד און לייד פון יעדן איינעם,
אַ זיפץ, אַן אויסגעשריי, אַ ליבע־בליק
פון צוויי געליבטע אין אַ שטילן ליק, —
אַלץ כ׳נעם אויף זיך, און כ׳שלעפּ אין היץ און קעלט...
אַוועקוואַרפן? פאַר קיין זאַך אין דער וועלט!

צו דעם פוך־בלימל

כאָטש ס׳איז דײַן אויסזען, פוך־בלימל, באַשיידן,
דורך דיר די גאַנצע וועלט צו מיר טוט ריידן.
אַט ווי די די זון ביסטו. די זומען־שפּיצן,
וואָס רונד אַרום אין הערצל דײַנעם זיצן,
ווי פּײַלעכלעך געצילטע אין טויזנט זײַטן, —
זיי קלײַבן לאָזן זיך אין אַלדע ווײַטן,
און יעדער זוים באַזונדער האָט די זכיה
אַ פליטערל פאַרמאָגן אויף צו פליִען.

נאָר קומען וועט אַ טאָג, אַ ווינט וועט בלאָזן,
די זומען וועלן פלינק אין וועג זיך לאָזן.
דײַן הערצל בלײַבן דעמאָלט וועט אַן אָפּנם —
צעצאָלן זיך פאַר אַלץ, וואָס האָט געטראָפן.
פון אַלע זומען אפשר וועט געלינגען
בלויז איינעם אין דער ערד אַרײַנצודרינגען,
אַז אַלץ אויף ס׳ניי זאָל אָנגעהויבן ווערן.
דער זעלבער גורל קען צו מיר אויך קערן, —
פון אומגעבראַכטע זומען אָן אַ שיעור
אויף ס׳נײַ אַרויסשפּראָצן באַשערט איז מיר.

פון ציגעלעך

דו בויסט, מיין קינד, פון ציגעלעך אַ הויז, —
אָט וועט עס זײַן באַלד פאַרטיק — נאָך אַ ביסל.
און טאָמער פעלט אַ ציגעלע דיר אויס,
איז זאָג איך דיר: — אָט ליגט עס בײַ דײַן פיסל.

עס גייט בײַ דיר פאַוואָליע, שטיל און גלאַט.
ווען דו וואָלסט וויסן ווי כ׳בין דיך מקנא!
און כאָטש דײַן הויז איז גרינג אַריבערשפּאַנען,
איך קען זיך גאָרניט אָנקוקן צו זאַט.

די ציגעלעך, פון וועלכע כ׳בוי מײַן לעבן,
צעשלײַדערט זײַנען איבער צײַט און וועלט.
און טאָמער טרעפט, אַ ציגעלע מיר פעלט,
געפינט זיך ניט אָט דער, ווער ס׳זאָל עס געבן.

און דאָס, וואָס נאָענט איז, וואָס ליגט דערבײַ,
איז טויג עס ניט דאָס רוב פאַר מײַן געבײַ.

וויגליד

ווען כ'וואָלט מײַן דערוואַקסענעם זון געקענט,
אַזוי ווי קינדווייז, פֿאַרוויגן,
וואָלט איך אים צודעקן מיט די הענט
און זינגען שטיל מיט אַ ניגון:

— אונטערן בעט — דײַנע לאַנגע שיך,
אויפֿן הענגער — דײַן גרויס היטל...
דו ווייסט דען, וואָס הייסט ליב האָבן דיך!
דערקלערן עס כ'האָב ניט קיין מיטל.

די שיך און דײַן היטל וויסן פֿון דיר
אַ סך איצט מער, ווי דײַן מאַמע, —
דו נעמסט זיי מיט זיך אויף יעדן שפּאַציר,
און מיט מיר ביסטו זעלטן צוזאַמען.

פֿאַרדריסט מיך. ווי קען עס דען ניט פֿאַרדריסן,
נו זאָג שוין אַליין, מײַן שוויגער!
דאָס, וואָס אַ מאַמע וויל אַלצדינג וויסן,
איז ליבשאַפֿט, און ניט קיין נײַגער.

אַ מאַמע איז פּונקט ווי אַ קינד: זי קוועלט —
גענוג איר אַ וואָרט פֿאַרוואָרפֿן.
איך דאַרף ניט האָבן קיין זאַך אין דער וועלט —
איך דאַרף נאָר, אַז דו זאָלסט מיך דאַרפֿן.

מײַן גרויס קינד אין דעם גרויסן בעט, —
שלאָף! עס זינגט דיר אַ ניגון
דײַן קליינע מאַמע. עס איז שוין שפּעט,
נאָר קיינער קומט זי ניט וויגן...

☆

וואָס שאָקלסטו, בוים, מיטן קאָפּ אויפןווינט?
צי דאָס איז דײַן אופן פון קלערן?
איז וואָס האָסטו צוגעטראַכט, זאָג מיר געשווינד —
איך בין דאָך אַ בעלן צו הערן!

האָסט צוגעטראַכט עפּעס אַן אויבס אַן אַנטיק?
איז גיב וועגן דעם מיר צו וויסן.
דו האָסט דאָך, מײַן גרינער, פֿאַר גדולה און גליק
דעם קאָפּ ביז צום הימל פֿאַרריסן....

צי אפשר פֿאַרמאָגסטו דײַן אייגנם אַ נעסט,
אַ נעסט מיט אַ פֿויגל אַ זינגער,
צי וואַרטסטו אַ מחנה מיט פֿייגל צו געסט,
ווי איך, ווען געווען בין איך יינגער?

וואָס שאָקלסטו, בוים, מיטן קאָפּ אויפן ווינט?
צי האָסטו די פּירות פֿאַרלאָרן?
צי האָט זיך, חלילה, דײַן צווײַג ניט צעגרינט,
דײַן נאַכטיגאַל שטום איז געוואָרן?

נאָר, וואָס ס'זאָל ניט זײַן, איז דיר גוט אָן אַ שיעור:
דו קענסט דאָך אַליין זיך פֿאַרוויגן.
און סײַדנס די ווערטער בלויז נעמסטו בײַ מיר
און לייגסט זיי אַוועק אויף דײַן ניגון.

אַ גוטע שטימונג

ס'איז בײַ מיר אַ גוטע שטימונג —
כ'ווייס אַליין גאָר ניט, פון וואָס.
אפשר האָט דער פראָסט געלאָזן? —
ניין, עס האַלט זיך גראָד דער פראָסט!

צי די זון מיט אירע שטראַלן
האָט אַ ליכטיקייט פאַרשפּרייט? —
שײַנט די זון ניט. כ'ווייס אַליין ניט,
ווי עס קומט צו מיר די פרייד.

אפשר האָט אַ גוטע בשׂורה
אָנגעזאָגט אַ גוטער פרײַנד?
האָב איך, פונקט ווי אויף צו להכעיס,
קיינעם ניט געזען נאָך הײַנט.

וואָס זשע איז אויף מיר די שׂמחה,
צוליב ווּעמען, צוליב וואָס? —
עפּעס פון אַ פּיצל ווינטל,
וואָס האָט מילד געטאָן אַ בלאָז.

☆

עס זאָל שטילער זייַן פון שטיל,
גרילט און גרילט בייַ נאַכט אַ גריל.

ווי וואָלט מען די שטילקייט פילן,
ווען עס וואָלט אַ גריל ניט גרילן?

ס'איז די שטילקייט ווי אַ מיל,
און דער מילנער איז די גריל.

בערג מיט צייט צעמאָלן גרילן
און פאַרשיטן אַלע דילן...

ווען איר ווייסט נאָר, ווי איך וויל
אָנקוקן בייַ נאַכט די גריל!

פינף חושים

עס איז מיר מײַן לעבן הײַנט זיס און געשמאַק:
איך טראָג פון באַגינען דײַן קוש אויף מײַן באַק.

און דורכזיכטיק איז ער, דײַן קוש, אַזוי גרינג,
אַז יעטווידער חוש אין מיר פרייט זיך און זינגט.

דאָס אויער דעם קלאַנג פון דעם קוש האָט געהערט —
קיין שענערער קלאַנג איז ניטאָ אויף דער ערד!

דאָס אויער דערהערט האָט, די הויט האָט דערפילט,
ווי ס׳האָט זי דײַן קוש אי געהיצט אי געקילט.

דאָס אויג האָט געזען אינעם שפּיגלנעם גלאָז:
די באַק די צעקושטע געוואָרן איז ראָז!

און ווו איז דער טעם — וועסטו פרעגן מסתם —
ניט פרעג! אַלע טעמען געהאַט האָט דער טעם!

עס האָט נאָר פאַרראָטן פון ריח דער חוש,
ווײַל ס׳האָט מיר דער אָטעם פאַרפעלט פון דײַן קוש...

צוגעטוליעטערהייט

א

ווי האַמערקלעפּ — די שטויסן פון דײַן האַרץ,
ווי דער געסקרוך פון שיכטן אַרץ,
ווי פון טורבינעס דאָס געברויז,
צי גאָר — אַ שפּערעלע, פאַרפּרעסט אין פויסט,
וואָס רײַסט זיך אַלץ און וויל אַרויס...
נאָר ס'ווייסט פון דעם איך איינע בלויז.

ב

שוין אַזוי פיל יאָר פאַרבראַכט צוזאַמען!
ווערט די שטילע ווײַלע אונדז ניט שאַטן.
זעץ זיך צו צו מיר, ווי צו אַ מאַמען,
לאָז זיך צוטוליען, ווי צו אַ טאַטן.

דײַנע אויגן — אַלץ די זעלבע אויגן,
דײַנע פינגער — אַלץ די זעלבע פינגער.
וואָס האָסטו דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן?
זאָג עפּעס, וועטביידן ווערן גרינגער.

ג

אוי, דאָס לעבן, וואָס איז זיס און ביטער!
הרודעס טעג, צעבראָכענע אויף שפּליטערס.
אויף דער הויט — פון יעדן טאָג אַ זכר.
צײַט צו ווערן קליגער, שטילער, ווייכער.

ס׳ליִיגן זיך פֿאַרדרוסן אויס אין קנייטשן.
קוקסט זיך אום — אַ נײַער צענדליק גייט שוין!
אַלץ די נישטיקע, די דריבנע זאָרגן,
וואָס דעם הײַנט זיי ליִיגן אָפּ אויף מאָרגן.

אָפּגעוואָרט אַ יוגנט — גאָט מײַן ליבער!
ווי פֿון צוג אויף צוג, ווען זעצסט זיך איבער, —
ס׳בלײַבט דיר איבער פֿינף מינוט, ניט מערער,
און דײַן פּאַק איז, ווי אַ שטיין, אַ שווערער...

ווען איך וויס, ס׳וועט לאַנג אַזוי געדויערן,
וואָלט איך פּיטערן די אויגן און די אויערן.
ווען איך וויס, ס׳וועט גיך אַזוי פֿאַרבײַגיין,
כ׳וואָלט באַהערשט די חכמה פֿון ניט דאַגהן.

קינד, מיין גרויס, אַז וואָס איז דאָ צו ריידן!
טויזנט ניטבאַטראַכטקייטן — בײַ ביידן.
ביידנס נאַרישקייטן אונדז באַהעפּטן.
ביידנס חכמה — לידער אין די העפּטן.

דורשטיקע, צעוויייטיקטע, צעהיצטע —
אפשר לאָמיר כאָטש ניט אײַלן איצטער?
אָבער איצטער דאַרף מען ערשט זיך אײַלן:
צײַט איז ווינציק, דורכגיין דאַרף מען מײַלן.

ד

זאָגסט, איך וויין? — ווי קום איך דען גאָר וויינען!
כ׳האָב געמיינט, אַז איך בין שוין פֿאַרשטיינערט.
ווײַזט זיך אויס, עס וואַכן אַלע חושים.
כ׳גלעט דײַן שלייף דײַן גרויען און איך קוש אים.

וואָס טוט שטאַרקער ווי — ס'איז שווער באַשליסן —
דאָס דערוויסן זיך, צי דאָס ניט וויסן?
ס'מאַטערט דאָס אַנטבלויזן זיך אין לידער,
צי דאָס שווייַגן אַט דאָס ברוגז-מידע?

ס'פּייַניקט, וואָס דאָס לעבן ווערט פאַרלאָשן,
און עס ווייסט דער זון ניט אונדזער לשון;
צי וואָס אונדזער בראָך פאַרגיפטיקט האָט אים,
ניט צו מוחל זייַן ביז לעצטן אָטעם?

...דו געדענקסט דיין ווייַסן זומער-אָנצוג?
מיר איז אַכצן, דיר איז פינף און צוואָנציק.
האָסט מייַן צאָפּ גענומען איבערפלעכטן...
ליבער גאָט, דאָס איז געווען ערשט נעכטן!

ה

מייַן טייַערער, גוט, וואָס דו ווערסט ניט געשטעלטער,
און גייסט ווי אַ יינגל אַרייַן אין דייַן עלטער.

אויך איך ווער ניט שטילער, אויך איך ווער ניט קליגער,
ווייַל סוף כּל סוף — וואָס איז דער עלטער, אַ טיגער?

אויב יאָ שוין אַ טיגער, אַ טיגער אין פּאַסן,
איז קען מען אַ מעשׂהלע בעסער פאַרפּאַסן:

ווי ער איז געלאָפן, דער פּיסק זייַנער — אָפן,
עס האָבן זיך שעפעלעך צווויי אים געטראָפן...

נאָר שרעק זיך ניט, טײַערער מײַנער, זײַ װיסן:
דער טיגער די שעפּעלעך האָט ניט צעריסן.

װײַל טרויעריק װאָלט דאַן געװעזן די מעשׂה,
פֿון מעשׂות אַזױנע די האָר װערן װײסע.

ביז װאַנען דער טיגער איז הינטער די קראַטעס,
איז לאָמיר ניט קלערן פֿון יאָרן, פֿון דאַטעס.

אין אַ ווינטערטאָג

אַ טאָג אין ווײַסע פּינטעלעך,
אין שנייעלעך אַ טאָג,
מיט ברונעמער, ווי טינטערלעך
אויף יעדן ווײַסן ראָג.

אין האַנט מיט לייצעס שטריקלענע,
כ׳געדענק זיך, ווי אַצינד,
אַ שטײַף אַרומגעוויקלטע,
אַ זיבניאָריק קינד.

אַ טאָג אין ווײַסע פליגעלעך,
אין שנייעלעך אַ טאָג.
און שטיקלעך גליטש, ווי שפּיגעלעך,
בײַם ברונעם אויפן ראָג.

פון סטעזשקע פון דער מיטלסטער,
וואָס גייט אַראָפּ דעם באַרג,
איך לאָז מיך מיט מײַן שליטעלע —
איך בין צופרידן שטאַרק.

אַ טאָג אין ווײַסע בלימעלעך,
אין שנייעלעך אַ טאָג,
אַ טאָג, ווי ברויט מיט קימעלעך, —
וואָס קען זײַן שענער, זאָג!

דער פראָסט איז, ווי אַ סקאָרינקע,
געשמאַק אַזוי און האַרט.
די יאַדלעס די גרינהאָריקע —
אין טיפֿן שניי פֿאַרשאַרט.

מיט רוסלענדישער ווינטערשייַן
איז אָנגעזאַפּט מייַן בלוט.
ס'איז יענע צייַט אַהינטער שוין,
נאָר איך געדענק זי גוט!

מײַן זיידנס קאַווע־מילכל

גערוען בײַ מיר אין מײַנע קינדער־טרוימען —
דאָס קאַווע־מילכל אויף מײַן זיידנס טיש.
עס האָט אַ דאַך, דאָס הענטל איז אַ קוימען,
נאָר ווער עס ווינט אין שטיבל, ווייס איך נישט.

אַ הויפן קאַווע שיט אַרײַן אַהין דער זיידע.
ער דרייט דאָס הענטל. כ׳קוק אויף אים און וואַרט.
וואָס ברומט עס אינווייניק? מיר הערן צו זיך ביידע,
נאָר שטיבל־פענצטער זײַנען צוגעשפּאַרט.

די פענצטער צוגעשפּאַרט, פאַרמאַכט די טירן.
...דער זיידע רוקט דאָס שופלאָדל אַרויס.
נאָר כ׳לאָז מיך פון מײַן אײַנפאַל ווײַטער פירן:
דאָס שופלאָדל — אַ גאַנעק בײַ דעם הויז.

די קאַווע — דאָס האָט זאַמד זיך אָנגעשאָטן.
דער באַלעבאָס ליגט קראַנק שוין וויפל יאָר,
שוין וויפל יאָר די שוועל האָט ניט באַטראָטן.
און אפשר איז ניטאָ אין שטיבל קיינער גאָר?

דער זיידע ווינקט צו מיר, ווי צו אַ גלײַכן חבר.
ער טרייסלט אויס דאָס שופלאָדל אין גלאָז,
ציט אויס די האַנט — עס שמעקט פון איר מיט קאַווע —
און טוט מיר פון דער לײַכט אַ שנעל אין נאָז.

דער באָבעס שטייסל

פון וואָס נאָר באַפּליגלט קענסט ווערן, גיי ווייס!
דער קלאַנג פון אַ שטייסל, אין וועלכער מע שטייסט,
ער האָט זיך פון דרויסן דערטראָגן צו מיר,
און מיך, איר וועט גלייבן? ביז טרערן גערירט.

מיר האָט זיך מײַן קינדהייט מײַן פריִע דערמאָנט.
די באָבע, זי שטייט מיט אַ טויקאַטש אין האַנט,
עס בלאַנקט אויף איר קנאָכיקן פינגער דער רונג.
...דריי מאָל אַ קלאַפּ, און איין מאָל אַ קלונג.

און טאַקע אַזוי הייבט מײַן קינדהייט זיך אָן.
איך צי זיך צום שטייסל, אין שטייסל איז מאָן,
מע גיט מיר פאַרזוכן עטוואָס אויף דער צונג.
...דריי מאָל אַ קלאַפּ, און איין מאָל אַ קלונג.

דער מאָן ווערט פון שטויסן ביסלעכווייז גרוי.
צי דען איז ער אַלט ווי די באָבע אַזוי?
איך בין ווי אַ שוואַרצינקע מאָנעלע יונג.
...דריי מאָל אַ קלאַפּ, און איין מאָל אַ קלונג.

ש ט י י ג ע ר

דעם יִידישן שטייגער דערמאָן איך צום גוטן.
מײַן באָבע פלעגט באַקן שטרודל, ווערטוטן,
געווען אין דער וואָכן דער טומל איז גרויס
און יום-טוב געזעסן — די הענט אויפן שויס.

פרײַטיק צו נאַכטס, אין שטוב איז געמיטלעך,
צוויי ליכט אין גאָלדענע שפּיציקע היטלעך,
דעם וואַנטזייגערס קלינגען איך הער ווי אַ שפּרוך.
...דאָס אַלץ איז געווען ערשט נעכטן, מיר דוכט.

וואָס האָב איך אין יִידישן שטייגער פאַרשטאַנען?
געזען, ווי אַ קינד זעט — פון דאַנען ביז דאַנען.
געלאַכט אין אַ שׂמחה, געיאָמערט פון גרויל —
דער אינהאַלט פאַר מיר איז געווען פאַרהוילט.

איך פלעג מיט אַ שוועבעלע-קעסטל זיך שפּילן,
און ס׳איז מיר אין קאָפּ ניט געקומען אַפילו,
אַז ס׳וועט ווי אַ שוועבעלע ווערן פאַרברענט
די שטאָט מיט די מענטשן, די שטוב מיט די ווענט.

אַז ס׳וועלן, אַזוי ווי אין פינצטערן ברונעם,
אַנטרינען אויף קיין מאָל צוריק שוין ניט קומען —
די באָבע, די ליכט, די ווערטוטן, דער זייגער,
אַז אַלץ וועט מען אָנרופן קורץ אַזוי: שטייגער.

אין אַ זײַדן העמדל

איך בין געבוירן אין אַ זײַדן העמדל,
אין זײַדן העמדל פון מײַן מוטערשפּראַך.
וווּהין איך זאָל ניט קערן זיך און ווענדן,
באַשיצט עס מיך און וואַרעמט טאָג און נאַכט.

עס פלעגט דער ווינט אַראָפּרײַסן מײַן היטל,
די שטיינער — בייז צעפליקן מײַנע שיך.
די קליידער כ׳האָב אין וועג אויף ברויט געביטן,
און בלויז דאָס העמדל כ׳האָב געלאָזן זיך.

עס פלעגן טרעפן זיך אויך יענע גוטע,
וואָס זענען גרייט געווען מיר געבן גאָלד,
אַבי נאָר זייער רחבותדיקן פוטער
אויף הוילן לײַב כ׳וואָלט אָנפּערען געוואָלט.

ווען קומען וועט צו מײַנע טעג אַן ענדע
און בלײַבן וועל איך ערגעץ אין דער מיט,
איז דעקט מיך איבער מיט מײַן זײַדן העמדל,
וואָס אין מײַן שווערן וועג האָב איך פאַרהיט.

אַ נסיעה איבער אַלט־ווילנע

געסעלעך שטילע, האַלברונדיקע, גרויע,
ווו ס׳פּרעסט זיך אַ טויער אַריַין אין אַ טויער,
געפּלאַסטערט מיט שטיינער מיט גלאַטע, ווי שטערנס,
וואָס זיַינען מסוגל די וועלט צו באַקלערן, —
גליַיך עפּעס אַ שבט אין ערד איז פאַרשטיינערט,
און ס׳שטעלט נאָר זיַין שטערן אַרויס יעדער איינער.

איז טרעט איך פּאַוואָליע פון גאַנעק צו גאַנעק,
פון טויער צו טויער אָנגעשפּיצט שפּאַן איך,
איך קוק אין די הויפן אַריַין, ווי אין היילן,
און ס׳דוכט מיר, די דאַכלקעס מעשׂות דערציילן.

צום הימל זיך שטרעקן שמאָלגופּיקע קירכעס,
געראָטן פאַרקנאָטן אויף בלוט און אויף טירחה, —
אויף מענטשלעכער פּראַצע און דרייסטער המצאה.
דער וויי פון זכרון פאַרשטערט די הנאה.

די ייִדן מע פּלעגט אין דער קלויסטערגאַס שלאָגן,
זיי זאָלן קיין היטל ניט וואַגן דאָ טראָגן.
ווען אומקערן פּלעגט זיך אין אָוונט אַהיים ווער,
פּלעגט אים פון די קלויסטערס באַפאַלן אַן אימה.

...און אָט איז אַ הויף, ווי אַ מויזישע פּאַסטקע,
און אָט איז אַ שטיין, אַ ריטערשע קאַסקע,
און אָט איז אַ וואַנט, ווי אַ וואַנט פון אַ תּפיסה,
און אָט איז אַ וועלט אַ פאַרשטיינטע אין גסיסה.

...דער טאָג איז אַ העלער, די שעה איז אַ פריִע,
מיר גייען אַרויס צו דעם טײַך, צו וויליִע,
מיר קערעווען אויס צו דער אַלטשטאָט דעם רוקן, —
מיר קוקן פֿאָרויס איצט און קוקן און קוקן
אויף ליכטיקע שטאָקן, אויף מויערן נײַע,
אויף שילדן אין בונטן עלעקטרישן פֿײַער.

מיר לאָזן זיך ווײַטער. און קען נאָר, און וויל נאָר,
וועט קלעקן ביז טאָג, וואָס צו זעען אין ווילנע,
און ס׳וועט מיט זײַן שמייכל זײַן קינדעריש־ברייטן
אַליין משה קולבאַק אין וועג דיך באַגלייטן...

נאָר טויט איז שוין קולבאַק, דער טײַערער דיכטער,
עס האָט אים די האַנט פֿון לוביאַנקע פֿאַרניכטעט.
עס שווײַגן די קדושים, און ס׳ציט זיך אַ כמאַרע —
זי פֿויזעט פֿון יענער זייט פּליינען פֿאָנאַרע.

עס קנעטן אין הימל זיך וואָלקן־געשטאַלטן
און חזרן איבער די געטאָ די אַלטע,
די טויערן, גאַניקעס, געסלעך און ראָגן.
...די פֿינצטערע כמאַרע צעגייט.
ס׳הייבט אָן טאָגן.

בעטגעוואַנט

בעטגעוואַנט, בעטגעוואַנט! —
אַזאַ מין יִדיש וואָרט!
מע לייגט צונויף דאָס בעטגעוואַנט,
מע זעצט זיך און מע פאָרט.

מיר קלײַבן זיך אין וועג אַרײַן.
דאָס בעטגעוואַנט מע פּאַקט —
מע דרייט עס אין אַ קנויל צונויף,
מע שטופּט עס אין אַ זאַק.

איז שטיי איך, אַ פאַרשלאָפענע,
כ'וואַרט, ביז די מאַמע וועט
צונויפפּאַקן דאָס בעטגעוואַנט
און פּוסט מאַכן דאָס בעט.

מיר פאָרן אויף אַ דראָזשקעלע
און קומען צום וואָקזאַל.
מע וואַרפט אַראָפּ דאָס בעטגעוואַנט
און כ'טו אויף דעם אַ פאַל.

איך כאַפּ עס מיט די הענט אַרום,
איך טוליע צו מײַן באַק.
ס'איז קיין מאָל ניט געווען בײַ מיר
דער שלאָף אַזוי געשמאַק.

— בעטגעוואַנט, בעטגעוואַנט!
אַ קינד כ'בין פון מײַן פאָלק,
וואָס יאָרן לאַנג, וואָס דורות לאַנג
געיאָגט איז און פאַרפאָלגט.

מע האָט געפּליקט דאָס בעטגעוואַנט,
די פעדערן — דעם ווינט.
קיין קישן ניט געווען, דעם קאָפּ
זאָל אָנשפּאַרן אַ קינד.

— — — — — — — — — — — — — — —

עס שײַנט די זון אין שטוב אַרײַן,
ס׳איז אָפן דער באַלקאָן,
אויף אים דאָס נײַע בעטגעוואַנט
אַ לופטער טאָן מע קאָן.

פון אַטלעס-זײַד — די אײַנשיטלעך,
די קאָלדרעס — שיין געשטעפּט.
אַ ברעקל פוך פון לינדנבוים,
צום איבערדעק זיך קלעפּט.

נאָר מיט אַ מאָל — אַ וואָלקנדל,
איין טראָפּן און ניט מער, —
אַ סימן פון אַ רעגנדל,
צי אפשר גאָר — מײַן טרער?

☆

מײַן ליד — אַ רעטעניש, אַ ספינקס.
עס לייענט זיך פון רעכטס אויף לינקס.
פון רעכטס אויף לינקס!

איך ווער אַ פייגעלע אַ גרינגס,
ווען כ׳שרייב מײַן ליד פון רעכטס אויף לינקס,
פון רעכטס אויף לינקס.

ווי שיין, מײַן מוטערשפּראַך, דו קלינגסט!
לויף, לויף, מײַן שורהלע מײַן פלינקס!
פון רעכטס אויף לינקס!

דאָס פייגעלע

דאָס סאַמע קלענסטע פייגעלע,
וואָס טוט אין דרויסן נעכטיקן,
פאַרמאָגט אַ נעסט אָן אייגענע,
און פירט אַ שטאַט אַ פּרעכטיקן.

די זיטן אירע איידעלע,
די גענג אירע די נאָבעלע —
זי טוט אַ דריי דאָס ווײדעלע
און טוט אַ וויש דאָס שנאָבעלע.

אין פּיסקעלעך, שקאָרמיצעלעך,
זי וואַרפט דעם קליינוואַרג ווערעמלעך.
— אַ חיות, מײַנע פּיצעלעך,
אין אײַערע געדערעמלעך!

אָך, ווי עס איז דער הונגער גרויס!
זיי כאַפּן און זיי בריִען זיך,
זיי רוקן זיך פון נעסט אַרויס
און צו דער מאַמען ציִען זיך.

— צוריק, צוריק! — זי שטויסט זיי אָפּ
און ווינקט מיר מיט אָן אייגעלע.
דערשטוינט, איך שאָקל מיטן קאָפּ:
אויף ייִדיש רעדט דאָס פייגעלע!

אַ גרויסן דאַנק

די אַרכעאָלאָגן — אַ גרויסן דאַנק!
זיי קענען דורכדרינגען דורך צײַטנגאַנג, —
זיי האָבן אויפגעשטעלט אַ גאַנצן דור
צוריק אויף פינף און צוואַנציק הונדערט יאָר.

דעם בעדויִנער אויך — אַ גרויסן דאַנק,
וואָס בלאָנקענדיק איבערן מדבר לאַנג,
האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף דער הייל,
זיך אומגעקערט, און פון דעם נס דערציילט.

אַפילו יענער ציג — אַ גרויסן דאַנק!
זי האָט פאַרבלאָנקעט אָן אַ שום געדאַנק,
געמאַכט, דער פאַסטעך זאָל זי זוכן גיין,
און... אַלץ, וואָס ווייטער, ווייסט איר שוין אַליין.

אַ דאַנק — דער הייל אין מדבר אין צעגלי׳טן:
אַזאַ מין אוצר פאַר דער וועלט פאַרהיטן!

☆

אויף יעדער פראַגע, וואָס מע קען מיר שטעלן,
אויף אַלץ, וואָס טרעפן וועט מען פרווון וועלן,
און אויסקלאָרן, און בעטן מיך דערקלערן,
כ׳וואָלט ענטפערן די אַלע, וואָס מיך הערן —
מײַן ענטפער וואָלט אַ רגע בלויז פאַרנומען.
איך וואָלט זיי זאָגן איינס:
איך בין געקומען.

☆

הינטער די שויבן —
אַ קויש מיט טרויבן.
אַן אַראַבערינס שטים:
— ענבים!
ענבים!

די וואָגשאָלן — געלע
צעבויגענע טעלער.
ס'ליגן אין איינער
געוויכטן — שטיינער...

שטיינער — געוויכטן?!
ווער וואָלט זיך ריכטן...
ס'פאַרוויגט מיך איר שטים:
— ענבים!
ענבים!

זי נעמט פון אויבן
אַ הענגל מיט טרויבן.
כ'פאַרקוק זיך אויף אים.
— ענבים!
ענבים!

ירושלים

אייפער מיך ניט, שטאָט, צו יענע שטעט,
אייפער מיך ניט, גאָט, צו יענע געטער!
כ׳בין אַהער געגאַנגען, זאָל זײַן שפּעט —
דורך אַ דערנערוועג, ניט אויף קיין טרעטער.

ניין, ניט אַלץ איז דאָרט געווען שוואַרץ
אין דעם פּלוצעם אויסגעשטרײַכטן נעכטן.
ס׳זײַנען דאָרט געבליבן שטיקער האַרץ,
הייליקייטן — צווישן דעם פאַרשוועכטן.

יעדעס גרעזל האָט געהאַט זײַן חן,
יעדעס שטיינדל האָט געהאַט זײַן חכמה.
און איך וואָלט אַפילו זאָגן נאָך מער:
שווער איז מיר אָן דעם זיך צו באַגיין...

אָבער מוט וואָלט ניט געהייסן מוט,
ווען ער זאָל ניט קאָסטן אַזוי טײַער.
נעם זשע אָן מיין בענקעניש פאַר גוט,
ווײַל דורך איר איך ווער דיר נאָך געטרײַער.

זײַ אַזאַ מיר ווי דו ביסט, מײַן לאַנד, —
כ׳דינג זיך ניט מיט דיר, צו אַלץ כ׳בין זוכה.
כ׳בין ניט דײַן אומדאַנקבאַרער געברויכער.
מײַנע ציגל טראָג איך פאַר דײַן וואַנט.

אייפער מיך ניט, שטאָט, צו יענע שטעט,
אייפער מיך ניט, גאָט, צו יענע געטער!
כ׳בין אַהער געגאַנגען — זאָל זײַן שפּעט —
דורך אַ דערנערוועג, ניט אויף קיין טרעטער.

ירושלים, 2טער מאַי 1971

שטארקער פון אייזן


קרמן

טאָג־אײַן טאָג־אויס

טאָג־אײַן טאָג־אויס,
טאָג־אײַן טאָג־אויס,
מיר אַלע גייען אום און שלאָפֿן.
און כאָטש די אויגן זײַנען אָפֿן,
פֿאַרחושט איז יעדערער. און בלויז
ווען עפּעס שרעקלעכס האָט געטראָפֿן —
אַ קינד געשטאָרבן איז,
אַ מענטש
אַרײַנגעצויגן האָבן רעדער,
פֿון העכסטן שטאָק אַ שטיק פֿאַרענטש
געפֿאַלן איז,
כאַפּט אויף זיך יעדער,
ער טוט אַ גיי,
אַ זאָג,
אַ לאָף,
און פֿאַלט צוריק אַרײַן אין שלאָף.

אָ, גאָט מײַנער! איך קען ניט מער
די לאַפּע זייגן ווי אַ בער,
און שלאָפֿן לאַנג און שלאָפֿן שווער!
כ׳וועל ווען ניט איז דאָך זײַן געצווּנגט
זיך אויפֿכאַפּן, און פֿאַרן טויט
דערזען פֿאַר זיך די גאַנצע וועלט,
וואָס זי האָט מיר אַזוי געפֿעלט.
אַזוי געפֿעלט!

צ י נ ג ע ר

אין גאַסן אויסגעפּוצטע מענטשן שפּאַנען.
זיי בין איך קיין טראָפּן ניט מקנא.
אין יאַטקע ליגן אָנגעוואַלגערט צינגער —
זיי בין איך מקנא! זיי איז גרינגער.
זיי האָט מען געשלעפּט פון טויטן גומען,
מיר האָט מען מײַן לשון צוגענומען.

כ׳זאָג ניט, איך בין ווערט אַזאַ מין סוף אוודאי.
הלמאַי בין איך געגאַנגען מיט דער סטאַדע
אויף דעם פּאַשעפּעלד דעם ליכטיקן און ווילן —
ניט פאַרשטאַנען, אַז מען פירט מיך קוילען...

אַ מעשה מיט אַ קנעכט

עס האָט מיט טויזנט יאָר צוריק
געלעבט בײַם האַר אַ קנעכט.
צו ריידן אויף זײַן מוטערשפּראַך
ט'ער ניט געהאַט קיין רעכט.

צעווישן אים און באַלעבאָס
געלעגן איז אַ תהום.
דעם הערשערס שפּראַך האָט ער געקענט —
איין וואָרט אין גאַנצן: באָם!

ער איז פון אַרבעט און פון קלעפּ
געוואָרן קרום און לאָם.
— ס'איז גוט דיר? — האָט מען אים געפרעגט,
האָט ער געענטפערט: — באָם!

ס'האָט אויסבויען באַפעלט דער האַר
אַ קלויסטער, גרויס און רײַך,
באַשטעלט אַ גלאָק בײַם קופּערשמיד
אויף יענער זײַט פון טײַך.

נאָר ס'איז צוליב דעם שווערן גלאָק
פאַרזונקען דער פּאַראָם.
מע האָט דעם קנעכט אַנשטאָט אַ גלאָק
געצוווּנגען ברומען „באָם"...

דער האַר האָט אונטער דעם געברום
געפּײַניקט און געטויט.
אַרום דעם קלויסטער איז די ערד
פון בלוט געוואָרן רויט.

און צוגעבאַמקעט האָט דער קנעכט
איך דעמאָלט, ווען מע האָט
געפירט די קינדער און דאָס ווײַב
צו שחיטה דורך דער שטאָט.

מײַן פאָלק, איך נעם אַלץ אָן פאַר גוט,
ס'איז קיין שום פאָלק ניט שלעכט.
נאָר בלויז בײַ דיר כ'בין שטאָלץ און פרײַ,
בײַ אַנדערע — אַ קנעכט.

און ווי איך זאָל ניט גיין דאָרט גלײַך,
באַקומט זיך קרום און לאָם,
און וואָס איך זאָל ניט זאָגן דאָרט,
וועט קלינגען שטענדיק „באָם".

די אַלטע מעשׂה מיטן קנעכט,
זי איז אונדז גוט באַקאַנט.
צי איז ניט איצט די רעכטע צײַט,
אַז זי זאָל זײַן דערמאַנט?

אַ שפּראַך

אַ גאַנצן לעבן ריידן אויף אַ שפּראַך,
ווערסטו דאָך זאָגן, איז אַ גרויסע זאַך —
כ'האָב לאַנגע יאָרן אויף דער שפּראַך געשוויגן,
כאָטש זי האָט פון מײַן בלוט אַרויסגעשריגן.

און איצטער ווייס איך, אַז אַ גרויסע זאַך
איז לאַנגע יאָרן שווײַגן אויף אַ שפּראַך.
אַ שפּראַך, אויף וועלכער ביסט געצוווּנגען שווײַגן,
וועט קיין מאָל, קיין מאָל ניט פֿאַרבײַגיין!

☆

איך זינג און זינג, ווי יענץ קאַנאַריקל,
וואָס ווייסט ניט ווי אַזוי צו שווײַגן
אין קאַלטן ווינטערטאָג אין כמאַריקן
אין דעם פאַרדראָטעוועטן שטײַגל.

וואָס ווייסט עס דען פון אינדזלען שטראַליקע,
פון פרײַע מאַמעס, פרײַע טאַטעס?
אויך איך, ווי כ׳וואָלט געהאַט די פאַליקע,
כ׳שלאָג מיטן קאָפּ זיך אָן די קראַטעס.

עס קלינגט מײַן ליד אין ענגע צימערן,
דאָס הייפל גרויפּן פיק איך גערן.
און ס׳הייבט מיך גאָר ניט אָן צו קימערן
די שאַנד פון אויפהערן זיך מערן.

☆

געמיינט כ׳האָב, מיט מײַן אָטעמצוג
וועל איך דערוואַרעמען דעם ווינטער;
געמיינט, ס׳איז אויסוואַרטן גענוג,
און יעדער בוים ט׳זײַן אַ צעגרינטער.

נאָר ס׳טרעפן ביימער אייביק שוואַרץ,
און ס׳איז דעם פראָסט ניט צו דערוואַרעמען...
געוווין זיך צו צו דעם, מײַן האַרץ!
גענוג דיר, מײַן געמיט, צו ליאַרעמען!

געגלויבט כ׳האָב, אַז די קראַפט פון וואָרט,
וואָס איז גערעכטיק און באַשיידן,
קען אָפּרוקן אַ באַרג פון אָרט.
ערשט ווערטער טויגן בלויז צום ריידן...

ווען ס׳שטאַרבט אַ גרויסער דיכטער

ווען ס׳שטאַרבט אַ גרויסער דיכטער, קומען מופתים פֿאָר.
ביַי הירשן ווערן גרוי אין פֿעל די האָר,
עס טרערן זיך די אויגן ביַי די וויַיטע שטערן,
און קינדער אין די וויגן זיך פֿאַרקלערן.

ווען ס׳שטאַרבט אַ גרויסער דיכטער,
טוט דער ווייטיק זיך אַ צונד
אין לערמאָנטאָווס, אין פּושקינס ווּנד,
און ביַיראָנס האַרץ גייט ווידער אָפּ מיט בלוט,
און שוואַכע מענטשן מיט אַ מאָל באַקומען מוט,
ווען ס׳שטאַרבט אַ גרויסער דיכטער.

דײַן ליכטיקן אָנדענק

שמואל האַלקינען געווידמעט

1

איינציקער פֿרײַנד! טײַערער דיכטער!
נו, וואָס זאָל איך טאָן מיט מײַן פּײַן אומגעריכטער —

וווּהין זיך איצט קערן, צו וועמען זיך ווענדן?
ביטערע טרערן די אויגן פֿאַרבלענדן.

אַז דו זאָלסט אַזוינס קענען אָפּטאָן אונדז אַלעמען,
אַז דו זאָלסט די אייגענע קינדער ניט זשאַלעווען!

אָט ליגסטו אין אָרון — געשלאָסן די אויגן.
דײַן פֿרייד און דײַן צער — ווי צוויי פֿייגל פֿאַרפֿלויגן.

די פֿרייד, ווי אַ טויב, און דער צער, ווי אַ שפּאַרבער.
מיט דיר איז געבליבן דער גלײַכגילט דער האַרבער.

כאַפּ אויף זיך! עס וואַרט אויף דײַן שרײַבטיש דער טינטער,
אַ באַרג מיט פּאַפּיר, וואָס וועט קלעקן ביז ווינטער,

וואָס האָסטו געקענט דאָרט דערזען אין דעם חלום,
אַז דיך צו פֿאַרנאַרן זיך אײַנגעבן זאָל אים?

אַז דו, דער געשוואָרענער ריטער פֿון שיינקייט,
זאָלסט קוקן דעם טויט אין זײַן פּנים פֿון שטיינקרײַט!

אַז דו זאָלסט פֿאַרלירן צום אומקום דעם עקל,
קיין האָפֿענונג זאָלסטו ניט לאָזן קיין ברעקל!

איין סימן פון לעבן! מיר וועלן דיך מינטערן,
מיר וועלן, אויב ווילסט, ביי דער שוועל דײַנער ווינטערן,

דעם שניי פֿאַר דער טיר מיט די דלאָניעס צעשאַרן —
אַבי נאָר אַ הויך פֿון די ליפּן דערהאַרן.

אויך דו דורך דעם טויט ביסט געוואָרן געשטרויכלט...
איך בין דיר ניט מוחל, איך בין דיר ניט מוחל!

2

איז דען מעגלעך? די טיר דײַנע טאָן כ'וועל אַן עפֿן,
און עס וועט מיך דײַן שמייכל ניט טרעפֿן.

כ'וועל אַרומגיין דעם הויז — פֿלעגסט דאָ שטענדיק שפּאַצירן
קיין שום וועג וועט צו דיר מער ניט פֿירן.

איך וועל קויפֿן אַ בלאַט — ס'וועט אַ שטאָך טאָן אין
האַרץ מיר:
דו — יאָ, דו! — אין אַ ראַם אין אַ שוואַרצער.

כ'וועל דאָס רעמל פֿון אַלע פֿיר זײַטן פֿאַרבייגן,
דיר אַרײַנקוקן טיף אין די אויגן.

אָט אַזוי... קיין שום טויטן און קיין שום לוויות.
דו ווילסט אָנזאָגן מיר עפּעס נײַעס.

אָבער וואָס? כ'וועל דערטראַכטן זיך פּרוּוון אין ווייטיק, —
דאָס איז איצט מער ווי ווען עס איז נייטיק.

ווידערקול אין די בערג

איך גיי דאָ אַרום צווישן באַרגקייטן בלאָווע,
פאַרטיפט אין מײַן שטענדיקער שווערער מחשבה.
פאַרפאָלגט מען דען ווען מען אין צײַטן פון פרידן?
און ס׳ענטפערט אַ ווידערקול:
— ייִדן!

ניט מעגלעך, ניט מעגלעך! ס׳איז בייזער קאַטאָוועס!
אין באַרגישע היילן פאַרווײַלן זיך סאָוועס.
פאַראַן דען אַ פאָלק, ס׳זאָל זײַן בלוט אייביק זידן?
און ס׳ענטפערט דאָס ווידערקול:
— ייִדן!

מײַן פאָלק האָט די מענטשהייט באַשאָנקען מיט העלדן.
איך קען וועגן נעמען אומשטערבלעכע מעלדן.
פאַראַנען געטויפטע, פאַראַנען היברידן, —
ווער זײַנען זיי, ווידערקול?
— ייִדן!

ווי הייסן זיי, די, וואָס מע האַלט אין איין טרײַבן,
נאָר ס׳קלעקט זיי געוואַגטקייט צו אויסשטיין און בלײַבן,
צערײַסן די פענטעס, די קייטן, וואָס שמידן?
און ס׳ענטפערט דאָס ווידערקול:
— ייִדן!

דעם קאָפּ הייב איך אויף און איך קוק אין די ווײַטן, —
איך זע דאָרט גיבורים, וואָס יאָגן און רײַטן,
און אַלע, ווי איינער, און אַלע פאַרשידן.
ווער זײַנען זיי, ווידערקול?
— ייִדן!

טויבשטומע

עס שטייען צוויי שטומע און ריידן —
אַ יונגיטשקע מיידל, אַ יאַט.
די אויגן פאַרליבטע ביי ביידן.
מע קען זיך ניט אָנריידן זאַט.

ער ווייזט עפּעס פלינק מיט די פינגער,
און מאַכט אַן שום קלאַנג מיטן מויל.
וואָס זאָגט ער? נאָר פרעגט ביי מיר גרינגערס...
דאָס מיידל פאַרשטייט אים גאַנץ ווויל.

עס קוקן דאַ אַלע פאַרחידושט
אויף זייער טשיקאַווען געשפרעך.
ווי ריידן זיי וואָלטן אויף ייִדיש —
וואָס איז אַן און פאַר זיך ניט שלעכט.

נאָר הויך רעדט זיין שפראַך דער אַרמענער,
דער טאָטער רעדט פריי אויף זיין שפראַך.
ווען עמעצער הערט זיי, איז יענער
וועט קיין מאָל ניט לייגן קיין אַכט.

בלויז איך טוליע צו צו מיין מאַנטל
דעם ייִדישן נאָמען פון בוך,
ווען כ׳רייד מיט אַ ייִד אַ באַקאַנטן
אויף ייִדיש, אַ ווינקל איך זוך.

עס שטייען צוויי שטומע און ריידן.
כ׳וואָלט אויך אַזוי קענען, איך גלויב,
ווען איך וואָלט אַזוי ווי די ביידע
געווען כאָטש צום וויינקסטנס טויב...

☆

לאָזט אויף דער שוועל מיך ניט, שוועסטער און ברידער,
איך בין דער מערדער פון אייגענע לידער!
כ׳שטיק זיי אין זיך אָן געווייסן, אָן בושה.
וואָס זשע וועט זײַן מיט מײַן בידנער ירושה?

דאָרט, אין דער טיף בײַ מיר — לידער געטויטע
הענגען אויף תּליות גלײַכגילטיק געבויטע,
ליגן אין גריבער פון צווייפל געגראָבן,
פּיקן זיי טרערן ווי פינצטערע ראָבן.

לאָזט אויף דער שוועל מיך ניט, שוועסטער און ברידער!
איך בין דער מערדער פון אייגענע לידער!

☆

כ׳האָב די לאַנגע אותיות געקירצט,
ווי דער דײַטשישער ייִד — זײַן קאַפּאָטע.
כ׳האָב דעם שונא געאַכט און געאירצט,
און געשמירט זיך דאָס פּנים אין בלאָטע.

הײַנט הענג איך אַ שלאָסמעם אויף
אויף די לופטשלעסער פון מײַן יוגנט.
איצטער ווייס איך מײַן איינציקן חוב,
מיט מײַן פּײַן זײַנען פול אַלע קרוגן...

צו דעם שונא — דאָרט, ווו ער איז —
זאָל דער וועג, ווי אַ פּתח, זיין גראַדיק.
דער לאַנגער נון זײַן זאָל אַ שפּיז,
און אַ תּליה — דער לאַנגער צדיק!

אויב צווייִשפּראַכיק איז זײַן מיר באַשערט,
איז צווייפּנימדיק וויל איך ניט ווערן.
זאָלן אויפיוירן אונדזערע טרערן,
און באַפרוכפּערן רײַך אונדזער ערד!

צו מײַן לייענער

ניט גערעדט מיט דיר לאַנג, מײַן לייענער,
און דו האָסט געוואַרט געדולדיק.
וואַרף ניט אין מיר קיין שטיינער,
גלייב מיר, איך בין ניט שולדיק!

איך האָב ניט געשטומט ווי אַ פיש,
און איך האָב ווי אַ שלאַנג ניט געשוויגן.
ווי אַ באַרגטײַכל דורכזיכטיק־פריש
האָט זיך דורכגעשלאָגן מײַן ניגון.

נאָר אין וועג איז געלעגן אַ שטיין,
און ער איז געווען ניט איינער!
איך גלייב, אַז דו וועסט מיך פאַרשטיין
און ניט וואַרפן אין מיר קיין שטיינער.

איך רייד צו דיר ווידער הײַנט —
וואָס קען טײַערער זײַן פאַר אַ דיכטער!
דו ביסט מײַן בעסטער פרײַנד,
דו ביסט מײַן שטרענגסטער ריכטער.

דו ביסט אַ מבין אויף אַלץ —
אויף שיינעם און אויף ניט שיינעם...
מיר האָבן ניט איין פוד זאַלץ
אויפגעגעסן אין איינעם.

ווער האָט געמאַכט אַזוי,
אַז איך זאָל מיט דיר ניט ריידן?
ווער האָט געמאַכט אונדז גרוי —
מיך און דיך —ביידן?

פון המצאות, אַ גראָשן די ווערט,
מײַנע קריטיקער וויל איך באַפרײַען:
יאָ, דעם דאָזיקן ליד איז באַשערט,
כ'זאָל אים שענקען אַ סוף אַ נײַעם.

ניין, איך שמיר ניט אַלץ נאָך אַנאַנד
בלויז אין העלע צי טונקעלע פאַרבן.
נאָר איך דאַרף אַ פאָלק און אַ לאַנד
אויף צו לעבן, און ניט אויף צו שטאַרבן.

בלויז דעם אמת כ'וויל אָנערקענען,
בלויז אין אים כ'וויל האָבן אַ חלק.
איך בין זאַט מיט געזאַלבטע נעמען,
וואָס ווערן אויף בלוט געהייליקט!

אוי, דאָס שרײַבן

— ?װילט איר װיסן, װאָס הײסט שרײַבן
:זאָל עס צװישן אונדז נאָר בלײַבן

.שרײַבן — דאָס איז גראָבן אַרץ
!שרײַבן — דאָס איז בלוט פֿון האַרץ

,שרײַבן — דאָס הײסט נעכט ניט שלאָפֿן
,אױג און אױער האַלטן אָפֿן

.אײַנזאַפּן פֿון ערד דעם װײ

שרײַבן — איז אַ װײגעשרײ
.שרײַבן — איז אַ פֿרײדגעשרײ

— !אױ, דאָס שרײַבן! אױ, דאָס שרײַבן
...מע קען פֿון דעם אָן כּוחות בלײַבן

☆

זאָל מײַנם איבערגיין, איך בין דאָך יינגער.
בלויז אַ טראַכט טאָן מיט ווען איך שטרײַט ! —
אַזוי זאָג איך, און ס׳ווערט מיר גרינגער,
ווען ס׳באַוועלן מיך אַלטע לײַט.

זאָל מײַנם איבערגיין, איך בין דאָך עלטער.
בלויז אַ טראַכט טאָן מיט ווען איך שטרײַט ! —
אַזוי זאָג איך, און כ׳ענטפּער קעלטער,
ווען ס׳באַוועלן מיך יונגע לײַט.

זאָל מײַנם איבערגיין, איך בין דאָך קליגער.
בלויז אַ טראַכט טאָן מיט ווען איך שטרײַט ! —
אַזוי זאָג איך וועגן יענע בירגער,
וואָס מען רופט זיי נאַרישע לײַט.

און מיט חכמים מיט הויך געאַכטע
זיך צו אַמפּערן ווו איז געהערט ?
זאָל מײַנם איבערגיין — אַזוי טראַכט איך —
קלוגע לײַט זײַנען זיכער דאָס ווערט.

זאָל מײַנם איבערגיין... און צו ביסלעך
גייט מײַנם איבער. אַלץ ווערט איבערפולט —
אַלע קריגלעך און טעפּלעך און שיסעלעך
פון מײַן אייזלשן גרויסן געדולד.

ס׳פולט זיך איבער מײַן לעצטער לאָגל
און אַ מאָדנע מחשבה מיך רייצט :
„זאָל מײַנם איבערגיין״ וועל איך זאָגן —
און ס׳וועט ווערן די וועלט פאַרפלייצט...

די קליינע מלפהלע

די קליינע מלמדטע מיט די גרויסע אויגן,
מיט די גרויסע אויגן און מיט די לאַנגע האָר —
פון שטענדיק אָן האָט איר אין וועג געצויגן.
וווּהין עס ציט איר — ניט באַנומען קלאָר.

מיט טונקלען קלימעקל אין שמאָלן הענטל —
פאָרויס געשיקט די דרייסטקייט פון איר בליק —
געקומען אין אַ פינפטן אָרט און אין אַ צענטן,
געוואַנדערט, זיך ניט אומגעקוקט צוריק.

אַ קינד געהאַט — געגעבן זויגן אונטערוועגנס,
אַ פריַינד געהאַט — באַגראָבן אין דער פרעמד.
די גרעסטע פּיַין מיט מוט אין האַרץ באַגעגנט,
אַ טראָפּן פרייד אין ימען צער דערקענט.

די קליינע מלפהלע מיט די הייסע אויגן,
מיט די הייסע אויגן און מיט די קילע האָר —
צו איר כ'האָב אין די אָרעמס זיך געצויגן —
מיַין פרי̤ע קינדהייט איך דערמאָן זיך קלאָר.

אָט לויפט דאָס דראָזשקעלע, וואָס פירט צום באַן זי.
איך לויף עס נאָך מיט קינדערשן געוויין.
אָ, מיַין זכרון, ברענג מיך ניט צו וואַנזין —
די קליינע מלפהלע בליַיבט שטענדיק איין־אַליין.

די קליינע מלכּהלע — פון פאָלק מיַינעם אַ
שפּליטער —
איז אייביק נע ונד, איז אייביק אין דער פרעמד.
דער טרויער פון דער וועלט אין איר שוואַרצאַפּל
ציטערט,
דער אייביקער בטחון אין אירע וויַיסלען ברענט.

און רק געפינ איך זי און איך פאַרליר זי ווידער.
כ׳באַגעגן עמעצן, ווער ס׳קען זי, און איך פרעג:
וווּ איז זי? — און דער ענטפער שפּאַנט מיר אַלע
גלידער —
זי איז אין וועג... יאָ, יאָ, — אויף ס׳נייַ אין וועג!

☆

כ׳האָב זיך אומרו בײַם לעבן דערוואָרבן.
אַלע מײַנע באַקאַנטע און פֿרײַנד,
וואָס זיי זײַנען פּריצײַטיק געשטאָרבן,
כאַפּן אויף זיך אין מיר יעדן הײַנט.

און זיי פֿירן באַדאַכטע געשפּרעכן
וועגן לעבן און טויט, וואָס אונדז וואַרט,
און זיי זאָגן צו מיר: — נו באַרעכן,
ווי מיר זײַנען געבליבן גענאַרט!

כ׳פֿיל זיי מיט מיט אַ זויערן שמייכל
און איך קוק צו דעם גרוב פֿון די טרעפּ.
— וואַרט מיך צו! — און איך מאַך זיי אַ צייכן,
און... איך לעב, און איך לעב, און איך לעב!

אין האַרבסט

גוט, וואָס אין האַרבסט קומט צו פליִען דער ווינט
און נעמט זיך טרייסלען דיביימער.
ער צעוואַרפט די געלע בלעטער געשווינד
אין די רינוועס און צווישן די שטיינער.

ווען ניט דער ווינט, וואָלט הענגען דער בלאַט
ביז ער וואָלט אָנהייבן פוילן.
און אַזוי איז קיין טרויער ניטאָ כּמעט
אין דעם האַרבסטיקן בוים אין דעם הוילן.

דער בוים קען אויסשטיין אין גרעסטן ווינט.
ער ווערט קליגער מיט יעדן שאָקל.
און דער בלאַט אויף אים איז אַזוי ווי אַ קינד —
טומלדיק, שוואַך און צעשראָקן.

און אפשר איז דאָ אַ מעלה אין דעם,
וואָס עס קענען די בלעטער שרײַען,
און ער, דער בוים — דער בעל־גאווה זיך שעמט
און שווײַגנדיק דרייט זיך אין דרײַען?

ער ראַנגלט און ראַנגלט זיך, ביז ער באַשטימט,
אַז פון דעסטוועגן מוז ער דערלאָזן —
איידער פון וואָרצל אַראָפּרייסן אים,
בעסער די בלעטער צעבלאָזן.

אוי, דער צווייפאַכער ווייטיק פון בוים —
פאַר די וואָרצלען און פאַר די בלעטער! —
שטענדיק אַזוי שוין. פאַרטראַכט איך זיך קוים,
גלײַך צו דעם האַרץ מײַנעם רעדט ער.

איך פיל מיטן רוקן דעם אָנשטרענג פון שטאַם,
וואָס ציט צו הייך און צו נידער,
וואָס לאָזט קיין בלעטל ניט אומקומען סתם,
און איז מיט די וואָרצלען פאַרברידערט.

אַ ווינט קומט און אַ ווינט גייט אַוועק, —
טוט אָפּ אַלץ, וואָס עס איז אים נייטיק.
די שוואַכע בלעטער שרײַען פאַר שרעק
און אין שטאַם איז דער גאַנצער ווייטיק...

ג ע ס ט

זיי קערן אום זיך פון די ווײַטע ערטער,
און זעצן זיך אַנטקעגן מיר אָן ווערטער,
און קוקן אין די אויגן מיר אָן טרערן,
און שווײַגן שטיל און שטערן מיר ניט קלערן.

זיי שפּאַרן אָן זיך אויף די שטול־פּאַרענטשן.
זיי זײַנען, דוכט מיר, שאָטנס, ניט קיין מענטשן.
אין אָט דער מאָדנער שטילקייט דער נערוועזער
הערט זיך, ווי כ׳צעגים דעם טיי אין גלעזער.

עס גייט די צײַט, זיי אײַלן זיך ניט טרינקען,
זיי קוקן צו נאָר, ווי די גלעזער פינקלען.
— קען איך זייער שווײַגן מער ניט הערן
זופּ איך טיי און ברי זיך אָפּ ביז טרערן.

צום פויגל

דו זינגסט גאַנץ שיין, נאָר וואָס זשע זינגסטו דאָרטן? —
דאָס ווייסט מײַן שכן ניט, און אים פֿאַרדריסט.
נאָר האָסט אַ נעסט געמאַכט בײַ אים אין גאָרטן, —
איז עס זײַן נעסט, און דו זײַן פֿויגל ביסט!

קיין לידער קען ער ניט בײַ דיר באַשטעלן,
ער ווייסט ניט וואָס דו פֿילסט און וואָס דו זעסט.
ער קען בלויז זאָגן: „ס'איז מיר ניט געפֿעלן!"
און מיט אַ שטיין צעשמעטערן דײַן נעסט.

קיין עוולה וועט ער קיינעם ניט פֿאַרשווײַגן,
נאָר ס'איז בײַ אים דער צער ניט זייער גרויס,
ווען זײַנע בנים קריכן אויף די צווײַגן
און וואַרפֿן דײַנע אייעלעך אַרויס.

און ס'מאַכט זיך איין מאָל, ווען אין אַ פֿרימאָרגן
געפֿינט ער פֿעדערלעך אין בלוט בײַם פּלויט,
פֿאַרשטייט ער, אַז דיך האָט זײַן קאַץ דערוואָרגן.
ער שלאָגט זי, נאָר, חלילה, ניט צום טויט...

☆

איך בין קראַנק, — איך האָב מורא פאַר שטח —
ניט גערירט זיך אַזוי פיל יאָרן!
— לאָזט מיך צו רו, איך בעט אײַך, —
זאָג איך, — כ׳וועל אין ערגעץ ניט פאָרן.

ווערט אַ גראָשן איז אַלץ מיט אַן אַנדער
בײַ אַזאַ מין לעבן, ווי איצט,
ווען אַ וואַנץ אַ דאַנק ענגשאַפט, וואַנדערט,
און אַ מענטש, אַ דאַנק פרײַהייט, זיצט.

ס׳מעג מיר נאָענט זײַן רוסיש, נאָר אַלץ
וועל איך שרײַבן אין יידיש בעסער.
ווײַל דעם ניגון, וואָס שטראָמט פון מײַן האַלדז,
לײַטערט דער בליאַסק פון מעסער.

איך בין קראַנק, איך האָב מורא פאַר שטח, —
ניט גערירט זיך אַזוי פיל יאָרן!
— לאָזט מיך צו רו, איך בעט אײַך, —
זאָג איך, — כ׳וועל אין ערגעץ ניט פאָרן!

דאָס קאַרטאָן־שטיבל

איך בוי אַ שטיבעלע פֿון קאַרטאָן,
אַ שטיבעלע פֿון קאַרטאָן.
אָרום, מ'שטיינס געזאָגט, די ווענט —
קיין סימן פֿון קיין גאָרטן.

אין צוויי קאָלירן גייט די קאַרט —
אין רויטן און אין שוואַרצן.
עס שפּאַרט זיך אָן אַ שוואַרצע טויז
דער מלכּה אויפֿן האַרצן.

איך בוי אַ שטיבעלע פֿון קאַרטאָן,
אַ שטיבעלע פֿון קאַרטאָן.
עס ליגט דער מלך אויפֿן דיל
אָן אויסגעשפּרייטער דאָרטן.

נאָר קיינער ווייסט ניט וועגן דעם —
דאָס בילדל איז אין מיטן,
און אויף דער אויסערלעכער זײַט —
אַ העמדעלע אַ ציטן.

איך בוי אַ שטיבל — ווײ און ווינד!
גיי, לעב דאָרט, זײַ אַ בעלן.
דאָס שטיבל ציטערט אָן אַ ווינט, —
אָט־אָט, און ס'וועט צעפֿאַלן...

איך בין פון אײַזן

איך װױן אין אַ שטוב — פון לײם אירע ציגל.
פון גלאָז די פענצטער, פון גלאָז דער שפיגל,
פון שטײן די טרעפ איבער װעלכע כ׳טו שפּרײַזן.
און איך בין פון אײַזן,
און איך בין פון אײַזן!

און גײ איך אַװעק, קער איך אום זיך אַ מידע.
און קער איך זיך אום, גלײַך אַנטלויף איך שוין װידער.
פון ערד אױסגעקנאָטן די װעגן, װאָס קרײַזן.
און איך בין פון אײַזן,
און איך בין פון אײַזן!

פון שטאָל איז דאָס מעסער, פון שטאָל איז די סטרונע.
פון האָלץ איז דאָס בעט, און פון האָלץ איז די טרונע.
און איך װעל נאָר רײַזן און רײַזן און רײַזן.
װײַל איך בין פון אײַזן,
װײַל איך בין פון אײַזן!

דער אױסדרוק „פון אײַזן” — ער צװינגט שױן
הײַנט לאַכן.
איך װײס, אַז פאַראַן זײַנען שטאַרקערע זאַכן.
נאָר איך װעל פון דעם זיך ניט װיסנדיק מאַכן,
מיט טרערן װעל איך אין די אױגן דערװײַזן,
אַז איך בין פון אײַזן,
אַז איך בין פון אײַזן!

☆

האַלט מיך, לעבן, ביַי דעם גאָרגל!
האַלט מיך, וואָס אַ מאָל, אַלץ פעסטער.
וועט ער שפּילן ווי אַן אָרגל,
ווי אַ גאַנצענער אַרקעסטער.

האַלט אַזוי מיך, אַז די אויגן
זאָלן קריכן פונעם שטערן.
וועל איך יאָמערן מיט טרערן —
וועט דער וועלט זיַין וואָס צו הערן.

האַלט מיך, לעבן! האַלט דיַין זינגער,
וואָס ס׳געפעלט אים ניט דיַין שטעגל,
פאַר דעם גאָרגל מיט די פינגער —
ביז אַ בלויקייט אין די נעגל.

☆

אויף אַלע סלופּעס, וואָס דערנעבן
מיין פּופּציקיאָריקן שאָסיי,
צעהאָנגען שטיקער פון מײַן לעבן,
ווי רויע שטיקער פלייש אויף זיי.

אויף אַלע פּלעקענער און צווײַגן,
אויף יעדן טאַרטשענדיקן סוק, —
וווּהין איך טו נאָר ניט אַ קוק —
איז מאַרך און ביין פון מײַן פאַרבײַגיין.

אָט גייען אַנדערע, און גאַרנישט —
ס'איז וויל זיי, ווי אויף אַ שפּאַציר.
און טוט אַ צווײַגל זיי אַ ריר,
צעשרײַט זיך גלײַך דאָס גרינס:
— מע טאָר נישט!

☆

עפּעס האָב איך זיך פּלוצעם צעלידלט, —
ס׳קלינגט מײַן קול אַזוי מאָדנע פאַרשטיקט,
ווי אָן דר׳ערד אַ געשלײַדערטע פידל,
וואָס עס האָט זיך איר סטרונע צעוויגט,

און זי הילכט, די צעהוידעטע סטרונע
אַזוי זים, אַזוי אימהדיק לאַנג,
אַז דער פידלער, וואָס ליגט אין דער טרונע,
אַ געשטאָרבענער, הערט איר געזאַנג.

מײַן ייִדישע שפּראַך

ווײנט מײַן טײַערע באָבעניו
ייִדישע שפּראַך
וויפל יאָר שוין אַזוי —
אַן אַ שטוב, אָן אַ דאַך.

פון די שכנים געיאָגט,
מיט די קינדער צעשיידט,
נאָר זי וועבט זיי אַלץ העמדעלעך
שטילינקערהייט.

זײַנען קינדער געוואַקסן
געראָטן און שיין,
און געבויט,
ווּ זיי זײַנען געקומען צו גיין —

הונדערט טויזנטער שטיבער —
אַבי נאָר געזונט!
יעדע שטוב האָט זיך איר באַלעבאָס
און איר הונט.

האָט מען העמדער געקראָגן
ווּ ווען ס'געפעלט —
ס'זײַנען ווינציק דען שפּראַכן
פאַראַן אויף דער וועלט?

קומט אַ בויער צו גאַסט,
קריגט ער פּלאָדן אַ שטיק.
פאַלט אַ הונט אָן,
איז האַלט מען אים אײַן פאַר דער שטריק.

אָבער איין מאָל אַ כאַפּ,
און אַ צווייט מאָל אַ צופּ —
ס'איז אוממעגלעך געוואָרן
פאַרבײַגיין אַ שטוב,

וואָס דו האָסט זי געבויט
מיט די אייגענע הענט,
נאָר ס'האָט דיך שוין דאָרט קיינער
אַצינד ניט דערקענט.

טרעפט שוין,
עמעץ פון זיך ציט דאָס העמדל אַראָפּ:
— נעמט צוריק אײַך דאָס גוטס,
און אין דר'ערד מיטן קאָפּ!

— באָבע טײַערע,
ווו איז מײַן העמדל פון לײַן,
וואָס דו וועבסט מיר,
און זעסט ניט די ליכטיקע שײַן?

עס איז שענער פון סאַמעט
און רײַכער פון זײַד,
און דורך טרערן און בלוט
ווערט עס תמיד באַנײַט.

אײַ, ניטאָ איז קײן שטוב
און ניטאָ קײן געצעלט,
און די װעבשטול, זי שטײט
אונטער רעגן און קעלט.

איז, צי דוכט זיך דיר,
טײַערע באָבע, ניט אױס,
אַז גענוג איז צו בױען
פֿאַר יענעם אַ הױז,

און אַז צײַט איז שױן,
טײַערע באָבעניו שפּראַך,
נעמען בױען פֿאַװאָליע
אַן אײגענעם דאַך?

זעסט, מיר קערן זיך אײנציקװײַז
אַלע צוריק, —
דאָס אַנטלױַענע העמד
בײַ דעם גאָרגל אונדז דריקט.

☆

אַלע נאַכט כ׳פלי אָפּ אויף אַן „אל־על״
צו דעם לאַנד, וואָס קלינגט ווי אַ לעגענדע.
אַלע נאַכט דערפלי איך ניט און פאַל,
און עס נעמט צו אַלץ, צו אַלץ אַן ענדע.

דאָס איז נאָר אין חלום. אין דער פרי
שטיי איך אויף תחית המתים ווידער.
בלויז דעם טאָג פאַרברענג איך אין דער נידער,
און ווי ס׳פאַלט נאָר צו די נאַכט, איך פלי!

מאָסקווע, מאַרץ 1971

דער וועג

אויב דו וועסט פרעגן, ווי לאַנג עס געדויערט
דער וועג מיט זײַן לייד, מיט זײַן פרייד, מיט זײַן טרויער,
מיט אומוועגן זײַנע, מיט טײַכן און בריקן,
מיט הונדערטער טויזנט אַהין און צוריקן,
מיט ליקעלעך שטילע און קרייצוועגן רוישיקע,
מיט האָפנונגען אַלע און אַלע אַנטוישונגען,
מיט שטילן געפּליסטער, געשריי און געפּילדער,
מיט פינצטערע גריבער און אָפּריסן ווילדע,
מיט קלעפּיקע זומפּן, מיט שנײַדיקע ווינטן,
וואָס שטויסן פאָרויס און וואָס וואַרפן אויף הינטן —
וועל איך דיר אַן ענטפער אַ פינקטלעכן געבן:
לאַנג ווי אַן אויגנבליק, קורץ ווי דאָס לעבן.

☆

גיט מיר, מענטשן, אין מײַן װײטיק
אָט די טרייסט, װאָס איז מיר נייטיק.

ניט קיין גוטע רייד באַדאַרף איך,
ניט קיין שפּילן אויף אַ האַרפע,

ניט קיין זינגען, ניט קיין טאַנצן,
נאָר אַן אָרט אויף זיך פאַרפלאַנצן,

און דערנאָך אַרויסצוּװאַקסן
שוין מיט אויסגעגלײַכטע אַקסלען.

גיט מיר, מענטשן, אין מײַן װײטיק
אָט די קראַפט, װאָס איז מיר נייטיק!

דאס כוויידעלע

אַרײַנפיר

װען װעגן יאָרן קומען װאָלט צו רייד,
איז װאָלט איך זאָגן: כ׳לעבן, אַ פאַרברעכן,
װאָס רק דער מענטש די יאָרן זײַנע רעכנט
און רויבט אַװעק בײַ זיך אַליין די פרייד.

נאָר דאָך װאָלט איך געגעבן איצט אַ סך
פאַר באָרװעס אומלויפן אונטערן רעגן.
אָ, קינדהײַט! ביסט נאָך איצטער מײַן פאַרמעגן,
כאָטש אָפט ביסטו געװעזן אָן אַ דאַך.

כ׳בין אָן אַ דאַך צו קנאַפּע זעקס געבליבן,
דער טעם פון דעם באַקאַנט איז מיר געװוי.
מײַן קינדהייט האָט געפלאַקערט װי אַ שטרוי —
דורך נעכט און טעג פון אָרט צו אָרט געטריבן.

אין בעסטע טעג פון האָפענונג און פרייד
שלאָפט אײַן דאָס בייז, נאָר לאָזט זיך ניט פאַרגעסן.
דאָרט טיף אין מיר דער װייטיק איז געזעסן —
אין יעדער רגע אויפכאַפּן זיך גרייט.

דעריבער, גוטער מענטש, געדולדיק זײַ
און הער מיך אויס, — צעעפן דײַן נשמה.
מײַן דור איז אויסגעשטאַנען צװיי מלחמות,
מיר טראָגן טיף אין הארצן שפּליטערס בלײַ.

א

אַ מענטש פון פינף יאָר

אַ מיידעלע אַ בלאָנדס מיט בלויע אויגן.
די הענטלעך — צו דעם טאַטן אויסגעצויגן...
און אַלץ איז איצט אין טאַטן נאָר געווענדט:
צי אָנשרייַען, צי נעמען אויף די הענט.

נאָר ס'נעמט זי אויף די הענט דער יונגער טאַטע,
און לויפט מיט איר, און שטעלט זיך אָפּ פאַרמאַטערט.
און לאַכט, און לאָזט אַראָפּ זי אינעם מיטן פעלד.
בלויז קינד און טאַטע — צווייען אויף דער וועלט...

דאָס מיידעלע דאָס קליינס מיט בלאָנדע לאָקן
איז אַלץ אין איינעם — גליקלעך און דערשראָקן,
איר שרעקט דאָס גליק, איר פרייט די זיסע שרעק —
דער זעלבסטבאַוווּסטזייַן איצט אין איר זיך וועקט.

אָ, סוד פון אַלע סודות, סוד פון ווערן,
פון ערשטן אויפנעמען, פון ערשטן קלערן,
פון ערשטער אָנונג — פריש און אומבאַקאַנט, —
מיר דוכט, אַז כ'האָב געפּאַקט דיך בייַ דער האַנט!

אַ מענטש — פינף יאָר איז אים — בלייַבט
שטיין אַ שטומער
אין פעלד אין פרייַען, אויף דער שוועל פון זומער,
אַ טיף דערשטוינטער פון אַ מאָדנער קראַפט...
— וואָס שטייסטו, טעכטערל, אַזוי פאַרגאַפט?

דו, סוד פון אַלע סודות, סוד פון ווערן,
געהיימע טיפעניש פון ערשטן קלערן!
אויף שטענדיק ווערט דאָ עפּעס אויסגעהעלט,
ווי איינער זאָגט: אַהאַ, אָט דאָס הייסט וועלט!

און ס'קוקט דאָס קינד פאַרציטערט און פאַרחידושט.
דער יונגער טאַטע רעדט צו דעם אויף ייִדיש,
און נעמט עס אויף די הענט, און טראָגט עס אין וואַגאָן,
ווו מענטשן רופן אָן די שפּראַך „זשאַרגאָן".

דאָס שטיין אין פעלד איז בלויז אַ פּאָלוסטאַנאָק.
און שפּעטער קומט אַ סטאַנציע מיט אַ גאַנעק.
אַ קוואָקע רופט איר קליינוואַרג אויפן קול.
דאָס קינד זעט הינדעלעך צום ערשטן מאָל.

אַזוי פיל פּיצלעך צאַפּלדיקע לעבנס!
אָט האָט אַ באָבע גרויפּן זיי געגעבן
און אָנגעגאָסן וואַסער פון אַ קרוג.
נאָר ס'קלינגט דער גלאָק. ס'איז צייט אַריין אין צוג.

די פרילינג-זון, די הינדעלעך, וואָס פּיקן,
די באַן, וואָס פליט, און אַלע זיבן גליקן...
נאָר אַלץ איז דאָ דעם טײַוול אָנגעטרויט:
דאָ פאָרן מענטשן גלײַך צו זייער טויט!

ב

אין טעפּלושקע

ס׳איז בירגערקריג. דער צוג פליט דורך אוקראַינע.
וואָס קלאַפּן נאָר ניט אוים די רעדער זײַנע,
פון וואָס נאָר ריידן ניט די מענטשן אין וואַגאָן !
אין הויכע דרכים איז מען שטאַרק פאַרטאָן.

און צווישן גיכע, האַסטיקע געשפּרעכן
מע טוט דאָס געלט פון קעשענע אַ רעכן,
מע טוט די זאַכן בעסער אַ פאַרפּאַק,
מע לייגט עפּעס אַרוים פון קויש אין זאַק.

בײַ יעדערן איז אויף די ליפּן: „טאַמער...״
עס טרעפט, ס׳הייבט אויף אַ ווײַבל אַ געיאָמער,
מיט קרעמעניעס אַ זקן זיך צעלאַכט,
אַ קינד אַ קראַנקס פאַרגייט זיך אין דער נאַכט.

ס׳איז בירגערקריג. צערויִנירט די וועגן.
וווּהין איז איצט דאָס פאָרן, וועט איר פרעגן? —
מע פאָרט דאָך, איז אַ סימן, אַז מע דאַרף.
עס יאָגט דער צוג.
פון זײַט אויף זײַט אים וואַרפט.

ג

עס ריידן די רעדער

עס שלאָפֿט דאָ ניט קיינער.
ס'הערט צו זיך דאָ יעדער,
ווי ס'קלאַפּן און הילכן
און ריידן די רעדער.

אַט נעמען זיי קײַכן
און מאָדנע זיך שטיקן,
אַט נעמען זיי פּרעפּלען:
„דעניקין, דעניקין..."

און דאָרט, פֿון דער פֿינצטערניש,
שפּאַרט די סכּנה.
די רעדער, זיי הילכן:
„זעליאָני, זעליאָני!"

און פּלוצעם אַ פֿאַל
אויפֿן מענערשן טראָפּ;
„היט דעם קאָפּ, היט דעם קאָפּ!
היט דעם קאָפּ, היט דעם קאָפּ!"

נאָר אַט נעמט דער ריטעם
זיך בראָקן און האַקן:
„ווײַסע פּאָליאַקן!
ווײַסע פּאָליאַקן!"

און ווידער — מיט גיפט,
אין גאַנצן מטורף:
„דעניקין, דעניקין!
פּעטליורע, פּעטליורע!"

עס זיפּצן די ווענטלעך,
עס שלוכצן די שויבן,
עס באַמקעט צום טײַוולשן טאַקט
עפּעס אויבן.

אַ קינד האָט צעוויינט זיך,
אַ זקן צעהוסט זיך,
ער האַלט מיט די מאָגערע הענט
פֿאַר דער ברוסט זיך.

און ס'קרעכצן די בופערס,
און ס'גרילצן די בופערס —
אָן אויפהער,
אָן אויפהער.
אָן אויפהער,
אָן אויפהער...

ד

דער בליק, וואָס דויערט

ס׳איז דאָס מיידעלע ווידער אין פעלד
צווישן פרילינג־געוויקסן.
נאָר זעלנער מאַרשירן דאָ אום
מיט געלאָדענע ביקסן.

די מענער אַרום דעם וואַגאָן
אויפן פעלד ליגן טויטע!
עס זײַנען די העלדזער, די שטערנס —
אין בלוט־שנירלעך רויטע.

דאָס מיידעלע קוקט אויף די ריטשקעלעך בלוט
ווי אין חלום.
זי וועקט אַלץ איר טאַטן איר טויטן
און רופט אויפן קול אים.

און ס׳קוקט אויף זײַן טאָכטער דער טאַטע
מיט אויגן מיט בלויע —
אַ בליק, וואָס ביז הײַנטיקן טאָג אַלץ
ער דויערט און דויערט.

וואָס ביסטו דען, צײַט,
אַז יאָרצענדליקער זײַנען אַריבער,
און ס׳שוואַכט זיך ניט אָפּ
יענער בליק, יענער גרויל, יענער פיבער.

נאָר דו, מענטש, ביסט אַלץ —
דו ביסט שטאַרקער פון שטאָל און פון אײַזן!
קענסט נעמען דײַן אייגענע וווּנד אין דער האַנט
און זי ווײַזן...

ה

אויף דער קנופּ־סטאַנציע

די מענער — צעשאָסן. ס'איז נאַכט שוין אַצינדער.
די שטאָט — אין די הענט ביַי די וויַיסע פּאָליאַקן,
אַ היַיפל פאַרבליבענע פרויען און קינדער
זיך טאָרן צו זיי אויף די אויגן ניט פּאַקן.

אַ היַיפל פאַרבליבענע קינדער און פרויען —
די פרויען — אלמנות, די קינדער — יתומים,
זיי שאַרן זיך איבער דעם באַנוועג דעם גרויען.
האָט איינער דערזעען אַ בוים, שרעקט דער בוים אים.

אַ צווייטער שטעלט אָפּ זיך פאַרמאַטערט געפּערלעך, —
ער גלאָצט מיט די אויגן און שטאַמלט פאַרלאָרן.
דאָס מיידעלע מיט די צעשויבערטע הערלעך —
זי וויינט מער ניט. שטום איז זי פּלוצעם געוואָרן.

זי קוקט און זי קוקט, ווי אין שרעקלעכן כּישוף,
זי הערט און זי הערט, ווי פון כּישוף פאַרשאָלטן.
— זיַיט שטיל! — אויף דער רוסישער שפּראַך הייסט עס:
„טישע"! —
דאָס חזרן אַלע, דאָס דריקט, ווי אַ וואָלקן.

ו

אונטער די וואַגאָנעס

אויף דער קנופּ־סטאַנציע שטייען די באַנען.
נעמט מען דורכקריכן צווישן די רעדער.
ס'וועט די באַן זיך ניט רירן, ווייסט יעדער,
נאָר אַ קינד זאָל עס ווּסן — פון וואַנען?

ס'מוז דאָס מיידעלע קריכן, ווי אַלע.
קיינער פרעגט דאָך ביי איר ניט, צי וויל זי.
...אָט דאָס הילצערנע טרעפּל הייסט „שפּאַלע".
אָט דאָס מעשענע טרייבל הייסט „גילזע".

נאָר דערזעען דעם שלאַגבאַום אָט דעם שיינעם, —
איז דאָס קינד זיך בפירוש מחיה.
דער שלאַגבאַום איז אַ קאָמישע חיה —
אַ זשיראַף מיט אַ זעברע אין איינעם!

און עס קומען אַלץ נייע באַגריפן,
שמוגלען דורך זיך צעווישן די גרוילן,
און זיי ווערן אין מוח געשליפן,
און פאַרהוילן דעם שוידער דעם הוילן.

...נאָר אָט לאָזט מען זיך אונטער די באַנען.
אוי, עס וועלן צעמאָלן די רעדער!
אַז די באַן וועט ניט רירן, ווייסט יעדער.
נאָר אַ קינד זאָל עס ווּסן — פון וואַנען?

ז

אַ רעטעניש

אַ שוועל. אַ גרויע זקנה אַ צעשויבערטע.
זי צלמט זיך: „געלויבט זאָל זײַן דער אויבערשטער,
אַז אַלץ איז אין רשות פֿון דעם אַלמעכטיקן...
נו גוט, איך וועל אַרײַנלאָזן אײַך נעכטיקן.

און איר, איר העלפֿט באַגראָבן מיר מײַן אַלטינקן.
ער ליגט פֿון נעכטן טויט אין יענעם אַלקערל...
זאָל גאָט אײַך העלפֿן! סאַראַ טײַער מיידעלע!
בײַ ייִדן זײַנען שטענדיק קינדער איידעלע."

אַ שטוב. אַ בעט. ווער וואָלט אַצינד געוואָלט דען מער?
אין ווינקל הענגען מאָדנע בילדער גאָלדענע
מיט פּנימער גלײַכגילטיקע און טונקעלע,
אין אָוונטיקער פֿינצטערניש פֿאַרזונקענע.

אַ נײַגעריקייט וואַקסט בײַם קינד אַ זעלטענע.
עס קוקט אין צווייטן אַלקער דורך אַ שפּעלטעלע.
דאָרט ליגט דער מת פֿאַרדעקט מיט ווײַסע צודעקן.
מע קען אים, ווי איר טאַטן, מער ניט אויפֿוועקן.

און ס׳קוקט דאָס מיידעלע מיט בליק פֿאַרדעכטיקטן.
איר טאַטע איז אין פֿעלד געבליבן נעכטיקן.
די מאַמע זיצט אויף דר׳ערד אַ טויט־פֿאַרחלשטע.
און ס׳קוקט אויף זיי מיט צער די אַלטע גלחטע:

— נו, וואָס זשע שווײַגסטו, קינד? זע, גאָרנישט
רעדט עס נישט!
און דאָרט, אין אַלקער, איז דער טויט — אַ רעטעניש.

ח

ניט אויפגעוועקט

זיי, די לעבעדיקע, זײַנען שולדיק! —
אַט אַזוי אַן ערך טראַכט דאָס קינד, —
ווען זיי וואָלטן וועקן מער געדולדיק,
וואָלט מײַן טאַטע דאָ געווען אַצינד.

אַז צו וואָס איז אין דער ערד באַהאַלטן
און דערנאָכדעם שרײַען אויף אַ קול?
זיצט דאָס קינד אין ווינקל אינעם קאַלטן
און עס וואַרפט אַ שטומען בליק צו מאָל.

שרײַט אַרויס אַ פאָרוווּרף דורך די אויגן,
וואָס עס טוט זיך, קען עס ניט פאַרשטיין.
ס'איז דאָס פנים בלייך און אויסגעצויגן.
— קינד מיינס, ווילסט מסתמא עסן?

— ניין.
— קינד מײַנס, ווילסט מסתמא שלאָפן?
— אויך ניט.
— ווערסט אַ תּל דאָך! ווי איז מיר און ווינד...

עפנט זיך קיין לאָד ניט,
פון קומען גייט קיין רויך ניט,
קיינער קומט ניט,
זיצט און שווײַגט דאָס קינד.

ט

גרויסע גוטסקייט

געווען איז איינער אין וואַגאָן,
ער איז געבליבן לעבן.
די קויל האָט בלויז אַ בלענד געטאָן
און דורכגעשלײַכט דערנעבן...

נאָר פון איר ווינטל, האַרט בײַם קאָפּ,
פון יענעם קאַלטן שוידער
איז שיר פון זינען ניט אַראָפּ
דער מענטש — ער איז זיך מודה.

ער איז נאָך יונג. די לאַסט פון גרויל
איז גרינגער אים און שווערער.
אויף זײַנע אויגן האָט אַ קויל
אַוועקגעלייגט זײַן לערער.

דער יונגער טאַטע פונעם קינד
זײַן לערער איז געווען.
וואָס קען ער אָבער טאָן אַצינד? —
עס שרײַט זײַן גאַנצער וועזן.

ער שטייט אין ווינקל ווי צעמישט
און זינקט אין בלויען שלימער...
ניטאָ קיין בענקלעך און קיין טיש,
ניטאָ קיין בעט אין צימער.

אַ ביסל בעטגעוואַנט אויף דר'ערד,
עס זיצן דאָרט צוזאַמען
דאָס בלאָנדע מיידעלע — פאַרקלערט,
מיט איר האַלב טויטער מאַמען.

עס זויגט אַ סקאָרינקע דאָס קינד
און שפּילט זיך מיט אַ פעדער.
אין פענצטער בלאָזט אַ פרילינג-ווינט
פון די אוקראַיִינער סעדער.

די זון פאַרגייט פּאַוואָליע-שווער
אין בלוטיק-רויטע פאַרבן...
ער טוט אַ קלער, אַז אויב ניט ער,
די צוויי, זיי וועלן שטאַרבן.

ס'באַוויַיזט אין פענצטער זיך אַ קאָפּ,
אויף פּויליש שעלט דער שיכּור.
— פּשאַ קרעוו! — און טרעט צוריק באַלד אָפּ
אין טונקלקייט אין דיקער...

דער מענטש פאַרשטייט, אַז אָט די צוויי
מע טאָר אַליין ניט לאָזן.
די האַרבע צײַט וועט תּיכּף זיי
ווי ליכטלעך צוויי פאַרבלאָזן.

און ס'מאָלט זיך אוים פאַר אים אַצינד
זײַן לערערס ליכטיק פּנים.
— ניט לאָז, ניט לאָז מײַן פרוי און קינד
דאָ אויסגיין צווישן שׂונאים...

אים דוכט, ער הערט זײַן לערערס קול
און ווערט דורך דעם דערמינטערט.
פֿאַר זיך אַן אָנשפּאַר מיט אַ מאָל
אין אָט דעם חוב געפֿינט ער.

ער מוז זיך אָפּרײַסן פֿון אָרט,
די לאָדן גיין פֿאַררוקן,
ס'זאָל די שיכּורים זײַן פֿאַרשפּאַרט
אַהער אַרײַנצוקוקן.

אָ, גרויסע גוטסקייט, זײַ געבענטשט!
צו דיר — מײַן האַרץ־געפֿלאַטער.
פֿון פֿינף און צוואַנציק יאָר אַ מענטש
ווערט פֿאַר דעם קינד אַ טאַטע.

דעם קינדס אַן ערשטער פֿרייד־געשריי
וועט ברענגען אים צום לעבן,
אָ, מענטשלעכקייט, וואָס אַלע זיי
האָט אויסגיין ניט געגעבן!

פֿון יענעם זון־פֿאַרגאַנג איז ער
אַרײַן אַהין אויף שטענדיק.
און, ווײַל ס'איז אָפּשטעלן זיך שווער,
אויף דעם הײַנט איך פֿאַרענדיק.

י

אין דער שטאָט בערדיטשעוו

צוגעמאַכט די קראָמען,
צוגעשפּאַרט די יאַטקעס,
פול איז אין בערדיטשעוו
מיט קאָנפעדעראַטקעס.

ווױנט אין הויף אַ שנײַדער,
קומען אָפיצירן,
ריידן הויך אויף פּויליש,
טראַסקען מיט די טירן.

„ניי אונדז, זשיד, מלבושים,
ניי אונדז, הונט פאַרשיווער״!
און אין צווייטן צימער
זיצט אַ שכן שבעה.

און אין דריטן צימער
ליגט אַ רוס באַהאַלטן,
קוקט דאָס קינד אַהינצו
דורך די ברעטער-שפּאַלטן.

אונטן ווױנט אַ בעקער,
אויבן ווױנט אַ דרוקער.
קומט אַרײַן דער דרוקער,
ברענגט אַ שטיקל צוקער.

קומט צו גיין דער בעקער,
גיט דעם קינד אַ קיכל.
און דער רוס בײַ נאַכט קומט
מיט אַ רוסיש ביכל.

אָן אַ שיעור געשיכטעס
ווונדערלעכע קען ער.
אין זײַן ביכל — בילדער,
איינס פון צווייטן שענער.

יעדערן באַזונדער
זאָגט ער אָן בשתיקה:
— באָלשעוויקעס גייען!
— ס׳גייען באָלשעוויקעס!

וואַרפט דאָס טייג דער בעקער,
וואַרפט דער שנײַדער נייען,
ווערט דער יונגער דרוקער
אויפגערודערט זייער.

קומט פון קעגן איבער
אַ באַקאַנטער דאָקטער.
— גאָטעניו דו ליבער,
כ׳וועל דערלעבן? — זאָגט ער.

ווערט אין פוסטן צימער
וואַרעמער און ענגער,
די פאַרמאַכטע פענצטער
נעמט מען גלײַך פאַרהענגען.

רעדט דער רוס. זײַן רוסיש
לייגט זיך אויפֿן שׂכל.
— מיידעלע, פֿאַרשטייסט מיך? —
טוט דאָס קינד אַ שמייכל.

טוט דעם ערשטן שמייכל, —
זי פֿאַרשטייט מסתּמא.
און דעם ערשטן זיפֿץ טוט
איר פֿאַרשטיינטע מאַמע.

יא

די ליאַלקע

אַזאַ מין ליאַלקע איז באַקאַנט אײַך?
מען קנוילט צונויף דעם ברעג פון האַנטעך,
און דאָס צעקנייטשטע האַנטעך־שטיקל
פונקט ווי אַ קעפּל מע פאַרוויקלט.

מע וויקלט אויך צונויף אַ גופל,
מע קלערט גלײַך צו, ווי אָנצורופן.
מיט אָט דער ליאַלקע טאָג און נאַכט
האָט איצט דאָס מיידעלע פאַרבראַכט:
אויף דעם פאַרקנוילטן האַנטעך־שטיקל
געקוקט מיט טרײַע מאַמע־בליקן,
אין אָט די קנייטשעלעך און בויגן
געזען אַ נאָז, אַ מויל און אויגן,
גערעדט צו דעם, געוויגט, געגלעט,
געלייגט בײַ נאַכט מיט זיך אין בעט.

איז עמעצער אין שטוב געקומען,
דעם האַנטעך פאַר אַ ברעג גענומען,
מיט אים די גלעזער אויסגעווישט...
דאָס קינד געקוקט האָט ווי צעמישט
און פאַרגעשטעלט זיך, אַז באַנדיטן
איר טעכטערל האָבן פאַרשניטן, —
אַ שפּיל אַזאַ, וואָס זיך פאַרגינט
אַן אָנגעליטן ייִדיש קינד.

יב

זייף־באַלאָנען

זייפּיקע וואַסער אין קוואַרט, און אַ שטרויעלע —
עפענען אויף זיך פון טרוימלאַנד די טויערן!
זייפבאַלאָן־שלעסער פון הימלען נאָך בלויערע
צינדן זיך אָן און אַ רגע בלויז דויערן...

שפּיגלען זיך אָפּ אין זיי פענצטער און טירן,
הונדערטער איידלסטע דינסטע קאָלירן.
נאָכקוקן זיי, פונעם אויג ניט פאַרלירן,
לאָזן פון זיי זיך גרויסאַרטיק פאַרפירן.

איידל געשליפן און איידל געבויגן,
זײַט איר, באַלאָנען, אַ פרייד פאַר די אויגן.
ווי נאָר אַ קינד, האָט צו אײַך זיך געצויגן.
פונקט ווי די קינדהייט, ווערט איר פאַרפלויגן.

זאַרגלאָזע,
ראָזלעכע,
פלײַקע,
אײַליקע —
לויכט נאָך אַ ווײַלינקע,
שײַנט נאָך אַ ווײַלינקע!

ס'מיידעלע האָט ניט קיין שפּילעכלעך טײַערע,
ס'מיידעלע גאַפט אויף די זונפאַרבן אײַערע.

יג
רויטאַרמייִשע שינעלן

איר, גרויע הערעלעך אויפֿן שינעל
ביַי איינעם פֿון די ערשטע רויטאַרמייער,
איר זײַט דעם מיידעלע געפֿעלן זייער.
ווו זײַט איר איצטער ערגעץ אויף דער וועלט?

זי האָט זיך אַלץ געטוליעט מיט דער באַק
צו אַײַער ביַיסיקן געדיכטן זילבער.
אַ הארטע פֿאַלע האָט פֿאַרדעקט זי פֿילבאַר,
און אײַנגעשלאָפֿן איז דאָס קינד געשמאַק.

ס'איז די טעפּלושקע פֿול געווען געפּאַקט
מיט ביטערן מאַכאָרקע־רויך. און ביקסן
געדיכט זײַנען געוואַקסן, ווי געוויקסן,
ביַי יעדער קני און זיך געוויגט צום טאַקט.

דער ביקסנוואַלד, ער האָט דעם קינד געטרייסט:
מע פֿאָרט נקמה נעמען פֿאַר איר טאַטן,
בלויאויגיקע, ווײַסציינערדיקע יאַטן
געלאַכט האָבן געשמאַק: „נו, יאַ, זי ווייסט!"

איר, גרויע הערעלעך אויפֿן שינעל
ביַי איינעם פֿון די ערשטע רויטאַרמייער,
איר זײַט דעם מיידעלע געפֿעלן זייער.
ווו זײַט איר איצטער ערגעץ אויף דער וועלט?

יד

אַ לעבעדיקער באָלשעוויק

מיט אַנדערהאַלבן שעה צוריק
אַרײַן זײַנען די רויטע.
אַ לעבעדיקער באָלשעוויק
שטייט אויף דער גאַס און רויכערט.

אַ לאַד מאַכט אויף זיך נאָך אַ לאַד,
ס'צעפּראַלן זיך די טירן,
און אַלע אײַנוווינער פון שטאָט
צו זיך אים ווילן פירן.

און אַלע אײַנוווינער פון גאַס
מיט פראַגן אים פאַרשיטן.
עס קלינגט אַ שטים, עס הילכט אַ שפּאַס —
מע דאַרף זיך מער ניט היטן!

עס וויינט אַ יידענע פאַר גליק.
זי שנײַצט די נאָז אין פאַרטעך.
— נו, קומט אַרײַן, הער באָלשעוויק,
אויף אַ מינוט! וואָס אַרט אײַך?

דער באָלשעוויק איז אין אַ העלם,
עס איז זײַן פּנים קענטלעך.
צו אים דאָס קינד איצט טראָגט זיך שנעל
מיט אויסגעשטרעקטע הענטלעך.

וואס זשע שוט מען?

קירשן

רו

כ׳וואָלט אויסגעבעטן מיט רו מײַן גאַנץ געמיט,
ווי מיט מײַן באַבעס פערענעס און קישנס.
קיין שפּעלטעלע ניט לאָזן כ׳וואָלט צעווישן,
כּדי ס׳זאָל זײַן די וואַרעמקייט פאַרהיט.

ס׳וואָלט דעמאָלט זײַן מיר אַזוי וווּל! נאָר דאָך
וואָלט לאַנג ניט דויערן — דאָס ווייס דאָך יעדער —
ס׳מוז סוף כּל סוף זיך אָפּזוכן אַ פעדער,
וואָס זי זאָל טאָן אַכזריותדיק אַ שטאָך.

אַ שפּאַלט דורך וועלכן עס זאָל טאָן אַ בלאָז
דאָס אומגעבעטן ווינטל אָט פון יענע...
אַ שפּאַרע, וואָס דורך איר די וועלט זאָל קענען
לצנותדיק אַרײַנרוקן איר נאָז...

וועגן חכמה

כ׳ווייס, ביי דער צייט בלויז דאַרף מען שׂכל באָרגן.
אויף זיך, דער היינטיקער, אַ מבין ווער איך מאָרגן.
און אין פאַרגלייך מיט נעכטן, ווי מיר שיינט,
בין איך אַ קאַפּעלע דאָך קליגער היינט.

אויב ס׳וועט אַלץ גיין אַזוי, וועל איך מסתמא
צו קאַרגע אַכציק ווערן אַ חכמה.
כ׳וועל זאָגן צו מיין זון פון זעכציק יאָר:
„נו, גיי שוין, גיי! דו ביסט אַ קינד נאָך גאָר״...

נאָר וועלן וואָלט איך וועלן ווערן קליגער
נאָך איידער כ׳ווער אַ באָבע צי אַ שוויגער,
נאָך איידער ס׳איז דער היינט אַוועק. ס׳איז גוט
צו ווערן קליגער תּיכף, די מינוט!

די פּיש כ׳וויל כאַפּן פאַר דער נעץ, און נאָך מער:
אויף חכמה צייט פאַרלירן — דאָס איז ניט קיין חכמה.
מיר ווייסן גוט — אַז וואָס איז דאָ צו קלערן! —
אַ קלוגער דאַרף מען נאָר געבוירן ווערן.

משוגע אויף טויט

דער דיכטער האָט ליגן געלאָזן דאָס ברויט
און האָט איבער זײַן געדיכט זיך פֿאַרטראַכט.
און, ווער ס׳האָט געזען, האָט חוזק געמאַכט:
— משוגע אויף טויט!

איז אַ הונגעריקער געקומען צו גיין,
האָט דער דיכטער דאָס ליד אים דערלאַנגט אַנשטאָט ברויט.
האָט דער הונגעריקער געקריצט מיט די ציין:
— משוגע אויף טויט!

און ווען ס׳האָט דער זאַטער פֿרעך געמאָנט,
האָט דער דיכטער אים אָפּגעגעבן זײַן ברויט.
האָט דער זאַטער אַ זאָטן שמייכל געטאָן:
משוגע אויף טויט!

די אייביקייט

קלאַפּט מיר אָן די אייביקייט אין טיר —
עס איך פּרישטיק. ברויט מיט פּוטער כ׳שמיר.
בין איך שטאַרק פאַרנומען,
אָנגעשטאָפּט מײַן גומען —
קען איך ניט אַנטקעגנקומען איר.

קלאַפּט מיר אָן די אייביקייט אין טיר —
איז בײַ מיר אין האַלדז גראָד אַ געשוויר.
כ׳טו פאַר ווייטיק ברומען
מיט אַ מויל אַ קרומען —
קען איך ניט אַנטקעגנקומען איר.

קלאַפּט מיר אָן די אייביקייט אין טיר,
האַלט איך גראָד אין אויסקלעפּן שפּאַליר,
טײַערע, אין בלומען!
בין איך שטאַרק פאַרנומען
קען איך ניט אַנטקעגנקומען איר.

קלאַפּט מער ניט די אייביקייט אין טיר,
ווײַלע ווײַל, זאָגט זי, איז דער שיעור?
מיט אַ וויי אַ שטומען
קוק איך ווי באַנומען:
כ׳האָב פאַרשפּעטיקט, ווינד און וויי איז מיר!

ווען כ׳וואָלט וויסן

ווען כ׳וואָלט וויסן, אַז כ׳וועל מאָרגן שטאַרבן,
וואָלט איך היינט פאַרקאַשערן די אַרבל —
פיר און צוואַנציק שעה וואָלט איך אַלץ שרייבן,
ס׳זאָל פון מיר כאָטש נאָך אַ העפט פאַרבלייבן.

דורך דעם שיכט פון גלייכגילט וואָלט מיין טרויער
צו דעם קוואַל אַ וועג זיך דורכגעבויערט.
ווייל מסתמא נאָר דורך פיין און טרערן
קען דער נס פון וואָרט מקויים ווערן.

ווייס איך ניט געווי, ווען וועל איך שטאַרבן —
באַמבלען מיינע הענט זיך אין די אַרבל,
כ׳שרייב פון צייט צו צייט — איך פויל מיך אונטער.
מיין ניט וויסן איז אַ טעמפּ-געזונטער.

כאָטש מיין בינטל יאָרן (כ׳דאַרף ניט באָרגן)...
זאָגט צו מיר: — דו נאַר, ס׳איז טאַקע מאָרגן!

וואָס זשע טוט מען?

אַלע ווייסן (קיינער ווייסט!)
וואָס אַזעלכעס שיינקייט הייסט.

ס'איז פֿאַר שיינקייט דאָ אַ מאָס?
ס'איז די שיינקייט שיין — מיט וואָס?

שיין די ערד און שיין דער הימל,
שיין אַ פּרוי און שיין אַ בלימל.

שיין אַ פּאַלאַץ, שיין אַ טײַך.
איינס צום צווייטן איז דען גלײַך?

אַלע ווייסן (קיינער ווייסט!)
וואָס אַזעלכעס ליבע הייסט.

ס'איז פֿאַר ליבע דאָ אַ מאָס?
ליבסטע זײַנען ליב — מיט וואָס?

מיידל, בחור, מאַמע, שוועסטער —
וועלכע ליבע איז די בעסטע,
וועלכע ליבע איז די גרעסטע?

גיי געפֿין דאָ אַ פֿאַרגלײַך!
וואָס זשע טוט מען, פֿרעג איך אײַך?

אַלע ווייסן (קיינער ווייסט!)
וואָס אַזעלכעס חכמה הייסט.

ס'איז פאַר חכמה דאָ אַ מאָס?
ס'איז דער חכם קלוג — מיט וואָס?

ס'בלײַבט דער חכם אויף דער עלטער
אָפט מאָל אַן אַרויסגעשטעלטער.

אָבער ס'איז באַוווּסט דערפאַר,
אַז פאַר זיך איז קלוג דער נאַר.

איר וועט זאָגן, ס'איז ניט גלײַך?
וואָס זשע טוט מען, פרעג איך אײַך,
וואָס זשע טוט מען, פרעג איך אײַך!

ווער וואָס איז אויסן

דער קונצנמאַכער מיט די רויטע בעקלעך,
מיט די זיבן רייפן און זיבן שטעקלעך —
וואָס איז ער אויסן?
ער איז אויסן
דעם גלײַכגעוויכט ווײַזן דעם גרויסן,
וואָס אָן אים איז די וועלט אַ גראָשן ווערט.

דער געלערנטער, וואָס דערלערנט
דעם גאַנצן וועלטאַל מיט דער זון, מיט די שטערן —
וואָס איז ער אויסן?
ער איז אויסן
צו ווײַזן דעם שׂכל דעם גרויסן,
וואָס אָן אים איז די וועלט אַ גראָשן ווערט.

דער דיכטער פון ווידערשפּרוכן געשאַפן,
וואָס קיין מאָל קומט ער ניט צו קיין האָפן —
וואָס איז ער אויסן?
ער איז אויסן
צו ווײַזן דעם אומרו דעם גרויסן,
וואָס אָן אים איז די וועלט אַ גראָשן ווערט.

איך שרייַב

איך זאָג דער באַלעבאָסטעס קינדער:
— כ'דאַרף שרייַבן, שטערט מיר ניט אַצינדער!
און זיי, סיי עלטער און סיי יינגער,
גלייַך נעמען גיין אויף די שפּיץ פינגער.

דאָס יינגעלע מיט האָר מיט ווייצענע —
ער כאַפּט אַ קוק איבער מייַן פּלייצע.
מייַן העפט איז ריין. ער וואַרט געדולדיק...
נאָר איך דערפיל מיך גלייַך ווי שולדיק.

מע קען זיך אויסשלאָפן גרויסאַרטיק,
ביז וואַנען כ'מאַך אַ שורה פאַרטיק.
כ'פיל, אַלעמען דאָ שטעכט די אויגן
מייַן קוקן אויפן וויַסן בויגן.

נאָר אָט, (אַן אייַנפאַל — גאָט דו ליבער)!
כ'נעם שרייַבן האַסטיק, ווי אין פיבער.
הין און צוריק פאָרט אום מייַן אַרבל,
און אַלע זעען, אַז איך אַרבעט.

ס'דערפילט אַליין די באַלעבאָסטע,
אַז כ'בין אַ מענטש וועט ניט קיין פּראָסטער.
מייַן האַנט איז האַסטיק זיך צעלאָפן —
איך שיט מיט שורות און מיט סטראָפן.

איך שרייַב (זאָל אייַך ניט זייַן דערווידער)
לויטן זכרון פרעמדע לידער...

אין גענדזנפיסלעך

מײַן העפט געפֿאַלן איז אין גראָז
און הערט אַ מעשׂה! —
ס'טרעט אָן אויף אים אָן אַ פֿאַרוואָס
אַ גאַנדז אַ ווײַסע!

דער העפט — אונטערן בויך בײַ איר...
אַזוי פֿאַרדריסלעך!
מײַן גאַנצע שאַפֿונג — ווײ איז מיר! —
אין גענדזנפיסלעך...

☆

איך בין יונג. עס טוט מיר גאָרנישט פעלן.
אײַ, מײַן ווײ? — אין שמײכל אים כ׳באַהאַלט.
יינגלעך, ווען כ׳בין אַ מאָל געפעלן,
נעמען שוין צו ביסלעך ווערן אַלט.

לערער, וואָס זײ האָבן מיך געלערנט,
איינציקווײַז פאַרלאָזן שוין די וועלט.
אויב פון אַט דעם אַלעמען ניט קלערן,
וואָס וואָלט מיר דען, אייגנטלעך, געפעלט?

די, וואָס האָבן מיך געקענט אַלס עופל, —
לייען איך בײַ זײ אין בליק אַ מאָל:
„אויב אַפילו איר איז שוין אַזוי פיל,
האַלט מיט מיר, ווײַזט אויס, שוין זייער שמאָל...״

ליבע פרײַנד פון נעכטן און פון מאָרגן!
ס׳גייט אין לעבן ווינציק צײַט אַרײַן.
לאָמיר בײַ דער אייביקייט זי באָרגן —
זי וועט אונדז אַרויסהעלפן, קען זײַן.

דאָס האַרץ פון אַ וואַלפיש

ווי אַזוי דערגייען פרייד און שמאַרץ
צום וואַלפיש מיט זײַן פופצנפודיק האַרץ?
ניט ווי צו די קאַרעסלעך
מיט הערצלעך ווי די ניסלעך, —
בײַ אים זיך קויקלט דאָס געפיל צו ביסלעך:
אַ כוואַליע פרייד, אַ כוואַליע פּײַן.
עס קען אַפילו זײַן,
פון איין ברעג האַרץ זאָל נאָך די ליבע ניט אַנטרינען,
און אין דער צווייטער — פלאַקערט שוין די שׂנאה.

הײַנט שטעלט זיך פאָר, ווי זײַנס אַ קינד ער טוליעט
צו אָט דעם באַרג, צום ריזיקן האַרצוליע! —
פון דעם גייט כאַדעראַם די גאַנצע טיף
און ס׳קען פאַרזינקען ווערן דאָך אַ שיף.

בײַם וואַלפיש קלאַפּט דאָס האַרץ אַזוי,
אַז פון די שטויסן
דאָס וואַסער הוידעט זיך אין אָקעאַן.
איין זאַך איז נאָר אַ שאָד,
וואָס אין זײַן האַרץ דעם גרויסן
קיין טראָפּן האַרציקייט איז ניט פאַראַן.

דאָרט, וווּ ס'הייבט זיך אָן די נעסט

דאָרט וווּ ס'הייבט זיך אָן די נעסט,
ענדיקט זיך דער פויגל.
ווען די וועלט פאַר זיך ניט זעסט,
זיצסטו אײַנגעבויגן —

אַזאַ נעבעכדיקס, אַ קליינס,
אָטעמסטו פּאַוואָליע,
און ס'איז דעמאָלט שוין אַלץ איינס,
ס'שפּילט שוין ניט קיין ראָליע,

צי פון שינדלען איז דײַן דאַך,
צי פון סכך אַ דעכל,
צי ס'איז פענצטער דאָ אַ סך,
צי איין רונדיק לעכל,

צי אַ פויגל ביסטו, צי ניט.
בלויז איין ברירה האָסטו:
דעמאָלט זינגסטו אויס דײַן ליד,
ווען די נעסט פאַרלאָזסטו.

דער האַלבער אמת

אוי, דער האַלבער אמת —
ער איז ערגער פונעם ליגן!
אַז ער איז ערלעך, גייט ער נאָך זיך קריגן.
ער זאָגט ניט „ווײַס איז שוואַרץ".
ער זאָגט, אַז ווײַס פון שוואַרץ
איז אונטערשיידן שווער,
און ס'טוט אים ווי דאָס האַרץ.

אוי, דער האַלבער אמת מיט זײַן שוואַך געזונט —
דער גראָבער ליגן איז אַנטקעגן אים אַ הונט!
עס איז אים, נעבעך, דרייען זיך ניט לײַכט
צווישן יאָ און ניין, צווישן קרום און גלײַך.
ער שטאַמלט, ער פאַרהיקעט זיך, ער פרײַכט.

ער זאָגט קיין ליגן ניט,
ער זאָגט אַ האַלבן אמת...
ווי שרעקלעך איז עס, פּרווו, באַנעם עס!

צו שפּעט

ווען מײַן מאַמע געוואָרן איז פערציק יאָר,
האָב איך געמיינט, זי איז אַלט.
כ׳האָב געשאָנקען איר וואָלענע זאָקן אַ פּאָר,
ס׳זאָל ניט זײַן אין די פּיס איר קאַלט.

ווען מײַן מאַמע איז פופציק געוואָרן אַלט, —
אַ סך איז עס — האָב איך געטראַכט.
האָב איך איר געשאָנקען אַ זקנישן שאַל,
נאָר זי האָט זיך הויך צעלאַכט...

ס׳איז מײַן מאַמען איצט זיבעציק יאָר — ניט קיין סך,
ווײַל מיר איז שוין פופציק באַלד...
איך האָב איר אַ קלייד אין קווייטן געבראַכט.
— שפּעט — זאָגט זי — קינד מײַנס! כ׳בין אַלט!

שפּיל איך

שפּיל איך אין אַ שול.
שפּיל איך אין אַ שול,
לייג איך אָן מײַן רענצעלע
מיט לערנביכער פול.

נעם איך זיי פון רענצעלע
צוריק שוין ניט אַרויס, —
ס'איז מיר צײַט אין שול צו גיין,
איך בין געוואָרן גרויס.

שפּיל איך אין אַ כּלה,
שפּיל איך אין אַ כּלה,
כ'טו אָן מײַן שוועסטערס זײַדן קלייד,
קוקן אויף מיר אַלע.

כ'נעם מײַן שוועסטערס זײַדן קלייד
צוריק שוין ניט אַראָפּ, —
איך בין אַליין אַ כּלה שוין,
מע דעקט מיר אָן דעם קאָפּ...

שפּיל איך אין אַ מאַמען,
שפּיל איך אין אַ מאַמען,
גיי איך מיר שפּאַצירן
מיט די ליאַלקעלעך צוזאַמען.

אויף צוריקוועגס לויף איך שוין
פאַרזאָרגט אַזוי, געשווינד,
אויף צוריקוועגס גיב איך שוין
די ליאַלקעלעך מײַן קינד.

שפּילט מײַן קינד אין שול,
שפּילט זיך אין אַ שול,
לייגט עס אָן דאָס רענצעלע
מיט לערנביכלעך פול.

ס׳ייִדישע מיידעלע

ס׳ייִדישע מיידעלע
דאָ פון אַנטקעגן —
אויגן ווי קאַרשן,
אַ קינד — אַ פאַרמעגן!

ס׳ייִדישע מיידעלע —
הייסט זי גאָר נאַסטיע!
זאָג איך „גוטמאָרגן" איר,
ענטפערט זי: — זדראַסטיע!

זאָג איך איר: — מיידעלע,
ווייסט, הײַנט איז פּסח!—
ענטפערט זי:
— פּסח וועט שפּעטער זײַן, ווייס איך.

ס׳לייגן זיך אויס
אויף איר שטערנדל קאָרבן:
— פּסח־צייט וועלן מיר
אייעלעך פאַרבן...

זע איך, דאָס מיידעלע
אײַלט ניט אין דרויסן,
שטיין לעבן מיר
אויף די טרעפּ איז זי אויסן.

פרעג איך זי:
— ווילסט מיט די קינדער ניט שפּילן,
אָדער דיך שרעקט,
וואָס אַ הונט טוט דאָרט בילן?

שטאַמלט זי:
— ס'יאָגט מיך דער לאַנגער אַנדרייקאַ,
דראָט מיט אַ שטעקן
און שרײַט מיר „יעווריײקאַ!"

☆

קומען זיך צונויף גרוזינער
זינגען זיי.
קומען זיך צונויף ציגײַנער,
טאַנצן זיי.
נעמען ענגלענדער צונויף זיך,
שווײַגן זיי.
קלײַבן זיך צונויף פראַנצויזן,
לאַכן זיי.
נו און טאָמער ייִדן? — אָך און ווײ! —
קלײַבן אויף זיך ייִדן,
זיפצן זיי.

✡

איר קענט דאָס מענטשעלע איכבינניטאיך —
אין פרעמדן מלבוש און אין פרעמדע שיך?

היינט איז עס דאָ, און מאָרגן איז עס דאָרט.
און אַלע הערן צו זיך צו זיַין וואָרט;

ווער איז ער, דער, וואָס טוט אַלץ קלוג און גיך? —
דערשרעקט עס זיך און שריַיט: — איך בין ניט איך!

און בלויז דער טאַטע ווייסט, די מאַמע ווייסט
זיַין ניט פאַרדרייטן נאָמען, ווי ער הייסט.

ער שעצט זיַין נאָמען ניט, דערפאַר מסתּם
אַ קללה ליגט אויף אים און אויף זיַין שטאַם.

☆

אין ישׂראל דאָרט וווינען מײַנע פֿרײַנד.
צו זיי מײַן ליבע איז דורך פּײַן געלײַטערט.
דער וועג צו זיי — פֿון דער לבנה ווײַטער
(צו דער לבנה קלײַבט מען שוין זיך הײַנט.)

די מעטאַפֿיזיק, זי איז האַרב ווי לוב.
די דיִאַלעקטיק פֿון מײַן צײַט דערשיטערט:
דער מענטש וועט וואַגן פֿליִען צום יופּיטער,
און ציטערן אַרויסגיין פֿון זײַן שטוב.

אַ חלום

האָט זיך מיר בײַ נאַכט געחלומט,
אַז געקומען איז אַ ריז,
און... געלאָזן אַלץ בשלום,
אַלץ געלאָזן ווי דאָס איז.

ער האָט אַלעמען געמאָלדן:
— לעבט אַזוי, ווי אײַך געפעלט!
איך געהער ניט צו די יאָלדן,
וועלכע ראַטעווען די וועלט.

גראָד ווײַל איך בין שטאַרק ווי אײַזן,
שטאַרק ווי אײַזן, מויער פעסט,
וואָלט איך זײַן געצוווּנגען גרײַזן,
ווען די וועלט לויט זיך איך מעסט. —

און ער האָט זיך אָנגעבויגן
צו דעם שוואַכסטן אויף דער ערד,
לאַנג געקוקט אים אין די אויגן,
לאַנג צו אים זיך צוגעהערט.

אַ באַשיידענער, ער האָט אים
מיט זײַן לערע ניט געדריקט,
בלויז דערוואָרעמט מיטן אָטעם,
בלויז דערמונטערט מיטן בליק.

אויסגעמיטן צו דערעסן,
אָפּגעגאַנגען אָן אַ זײַט,
און געלאָזן, אים פֿאַרגעסן
זאָל דאָס לעבן און די צײַט.

האָט מען אָדעם ניט געשריבן
און געשיכטעס ניט געבאַקט,
זײַנען דענקמאָלן געבליבן
פֿונעם שטיין ניט אויסגעהאַקט.

אַלץ איז זיך געגאַנגען ווײַטער...
און ס'דערציילן וועגן ריז
בלויז אַ ווינטל אַ פֿאַרשײַטער,
צי אַ טײַכל ווען עס איז.

לעבט דערפֿאַר די וועלט אין שלום,
ווערט פֿון זיך אַליין באַנײַט.
און דער ריז, ער קומט צו חלום
מיר און דיר פֿון צײַט צו צײַט.

דרײַ ברידער

אײַנבינדער און צווייבינדער און דרײַבינדער — דרײַ ברידער,
זיי גייען אום איבער דער וועלט, און רק זיי זינגען לידער,
זיי גייען אום איבער דער וועלט, און רק זיי זינגען לידער.

דערזען די ברידער ביימער שטיין צעשאָטן דאָ און דאָרטן,
און בינדן איבער זיי, און ס׳ווערט אַ בליִענדיקער גאָרטן!

דערזען די ברידער ריטשקעלעך, וואָס פליסן אין די טאָלן,
און בינדן איבער זיי, און ס׳ווערט אַ טײַך גלײַך אָנגעקוואָלן!

דערזען די ברידער הינטער שטאָט אַן אָוונט-שעה אַ שטילע,
איז נעמען זיי און טוען אָן אויף איר אַ בלויע הילע...

נאָר פייגל בינדן זיי ניט אײַן, און מאַכן ניט קיין סטײַע.
סײַ סטײַעסווײַז, סײַ איינציקווײַז עס פליִען פייגל פרײַע.

און אײַנבינדער און צווייבינדער און דרײַבינדער
— דרײַ ברידער
זיי גייען אום איבער דער וועלט און זינגען תּמיד לידער,
זיי גייען אום איבער דער וועלט און זינגען תּמיד לידער.

זילבן

(שפּאַסליד)

די שפּראַך איז זייער פילבאַר.
געמאָסטן זײַנען רייד.
איין וואָרט, אַ שטייגער, „זילבער”
פון זילבן צוויי באַשטייט.

און אַז דו דאַרפסט איין זילב נאָר,
ניט ווייניקער, ניט מער,
דו קוועטשסט אַרײַן דעם „זיל” נאָר,
און אויסן בלײַבט דער „בער”.

און אַז דער בער בלײַבט אויסן,
איז שווײַגן וויל ער ניט.
ער מאַכט אַ גוואַלד אַ גרויסן,
און טרייסלט אויף דאָס ליד...

איך האָב דאָס אַלץ געשילדערט,
ווײַל זאָגן כ׳האָב געוואָלט,
אַז ס׳טרעפט, אַפילו זילבער
איז ניט אַזאַ מין גאָלד.

דריי מעשהלעך



קירשן

אַ מעשה וועגן אַ זילבערנעם שלײַען, אַ בלײַענעם זײַען און אַ ייִנגעלע אין קלײַען

הערט אַ מעשׂה! אַ ייִנגעלע אין קלײַען
האָט געפֿונען בײַם ברעג אַ בלײַענעם זײַען —
אַ רעשטל פֿון אַן אַלטער דרוקערײַ.
אַזאַ מין זאַך איז אויפֿהייבן כּדאַי.

האָט זיך דאָס ייִנגעלע — איר מעגט עס הערן! —
לייענען אָט דעם זײַען אויסגעלערנט,
און שרײַבן אָט דעם זײַען אויסגעלערנט.
ער פֿלעגט פֿאַרשרײַבן, ווי עס זשומען בינען,
און לייענען מיט אַ ניגונדל אַ דינעם:
„זזזז"...

האָט פֿון וואַסער זיך אַרויסגערוקט אַ שלײַען
און דערשלונגען ווי אַ פֿליג דעם זײַען.
האָט בײַ דעם פֿיש אין בויך גענומען זומען,
אַז ער האָט קיין אָרט זיך ניט געפֿונען:
„זזזז"...

האָט דער שלײַען זיך גענומען שפּײַען
און געמוזט אַרויסשפּײַען דעם זײַען.
האָט דאָס ייִנגעלע דעם אות אין האַנט גענומען
און האָט צוגעהערט זיך צו זײַן זומען:
„זזזז"...

ס'האָט דערציילט דער זײַען אים דער נאַסער,
ווי עס שאַרכן הייסע שטיינדעלעך אין וואַסער,
ווי עס רוישט אין מויערקעפּלעך ראָזלעך-בלאַסע:
„זזזז"...

האָבן ייִנגעלעך גענומען שרײַען:
— סאַראַ זײַען! גיב אונדז אָפּ דעם זײַען! —
איבער ים-ברעג נאָך אים נאָכגעלאָפן...
פלוצעם האָט אַ וווּנדער זיך געטראָפן:

אויפן שרײַפּל-פּיסעלע פון זײַען
האָט דאָס פּיצל ייִנגעלע אין קלײַען
זיך אַרויפגעשרויפט צום הימל צו דעם פרײַען
און אויף אָט דער פלימאַשין דער מאָדנער
זיך געלאָזט אַהין, ווי ס'פליט דער אָדלער,
זיך געלאָזט אַנטקעגן זון און זומער
מיט אַ זילבער-זומערדיקן זומען —
„זזזז"...

אַ מעשהלע, וואָס צעגייט אין דער לופט

פיצעלע, פורעלע, פלאַטערל-פלי
האָט זיך גענומען פון ערגעץ ניט הי.

לופט איז געווען זײַן דורכזיכטיק וויגעלע,
אויסגעהויכט האָט אים פון פעדער אַ פליגעלע.

ס'האָט קיין נשמה ניט, ס'האָט ניט קיין גוף, —
פליט עס און פליט זיך אַזוי אין דער לופט.

קומט אים אַנטקעגן צו פלִיען אַ ברויזעלע,
שטעלן זיך אָפּ אָט די ביידע די זויבערע.

— ווער ביסטו, ברויזעלע? גוט, וואָס דו לעבסט!
— איך בין אַ ברעקעלע וואָל פון אַ שעפּס.

— מאַנעלע, שטויבעלע, ברויזעלע, ברעקעלע,
קומסטו פון שעפּסענעם זײַט, צי פון עקעלע?

ענטפערט פּאַוואָליע דאָס ברעקעלע וואָל —
שטיל, אַזוי שטיל, אַז מע הערט ניט קיין קול:

— כ'בין, ווי מיר דוכט, פון דעם שעפּסענעם שטערנדל
פון צווישן איינעם און אַנדערן הערנדל.

נו און פון וואַנען ביסטו?
— פון א פליגעלע.
לופט איז געווען מײַן דורכזיכטיק וויגעלע.

כ׳פלי אין דער ווײַט, און איך קום פון ניט הי.
— ווילסט מיט מיר פליִען אין איינעם ?
— איך פלי !

ביימער און דעכער.
אַלץ העכער און העכער, —
עפּענען פעלדער זיך אויף ווי אַ פעכער.

הימל און וואָלקנס,
הימל און זון, —
מע פליט און מע ווייס גאָר אַליין ניט דערפון.

כאַפּט זיך אַ ווינטעלע אויף מיט אַ מאָל, —
בלאָזט ער זייביידן אַראָפּ אין אַ טאָל.

ריזלט אַ ריטשקעלע, מורמלט פון שלאָף.
פּאַשען זיך גענדזועלעך, פּאַשעט זיך שאָף.

קען דען כאַמערקן דער פּאַסטעך בײַם פּיטערן
עפּעס אַ ברעקעלע וואָל, צי אַ פליטערל ?

זעצט זיך דאָס ברעקעלע וואָל אויף אַ גענדזועלע,
און אויף אַ שעפּסל — דאָס פוכענע פרענדזועלע !

גרינג ווערט דעם שעפּסל, און שפּרינגען עס פּרוּווט,
ס׳גענדזל דערפילט גראָד אַ שווערקייט אין גוף.

... שעפּעלע, גענדזועלע, פליטערל, פרענדזועלע, —
ס׳מעשׂהלע נעמט און צעגייט אין דער לופט...

אַ מעשה פון מעשה־לאַנד

סאַראַ קאַץ! ווי זי איז שיין!
עסט פּאַוואָליע, וואַשט זיך ריין,
און אַ פּעלכל איז בײַ איר
אַקוראַט פון רויך־קאָליר.
אירע אויגן — צוויי בורשטינען.
אַזאַ קאַץ ניט צו געפינען!
גלעטסטו זי, טוט זי דיך אַ ראַץ.
ס׳איז פון קאַצנלאַנד אַ קאַץ.
וואָס זשע הייסט עס קאַצנלאַנד?
טאַקע שטאַרק אינטערעסאַנט!

ס׳איז אַ לאַנד פון בלויזע קעץ
מיט אַ טײַך פון הינערפעטס,
מיט אַ באַרג פון מייזנקעפּ,
און די שפּייכלערס — פול מיט טעפּ,
וואָס זיי פּלאַצן מיט אַ הילך,
און סע גיסט פון זיי זיך מילך.

און דער עלטסטער — ווי און ווינד אים! —
קען קיין קאַץ דעם עק פאַרבינדן.
יעדע קאַץ צו פרישטיק מוז אים
לייגן פייגעלעך אין בוזים.
קומט אַ יום־טוב, ווי עס פּאַסט,
גיסט זיך סמעטענע אין גאַס,
און די געסט פאַרבעטענע
לעקן אָפּ די סמעטענע.
איז קיין סמעטענע ניטאָ מער,
הייבט זיך אָן אַ קאַצניאַמער.

— וווּ זשע איז עס קאַצנלאַנד?
צו דערלאַנגען מיט דער האַנט...

סאַראַ האָן! ווי ער איז שיין!
ס'איז זײַן קעמל פול מיט חן.
בונטע פעדערן אין ווײדל,
מיט די הינער איז ער איידל.
אויב אַ קערנדל געפינט ער,
נעמט ער מיט די אויגן פינטלען,
כאַפּט דאָס קערנדל געשיקט,
רופט און טרייסלט מיט דער וואָליע,
לאָזט עס תּיכּף אײַן צוריק,
הייבט עס ווידער אויף פּאַוואָליע...
אָך, אַ הענדל! קוקט אים אָן!
ס'איז פון האָנעגלאַנד אַ האָן!
— וואָס זשע הייסט עס האָנעגלאַנד?
טאַקע שטאַרק אינטערעסאַנט!

— ס'איז אַ לאַנד פון הינער-הענער
גאָר ניט צו געפינען שענער!
דאָרט פאַרנעמט דעם אויבנאָן
גראָד אַן אָפּגעפליקטער האָן!
זײַנען אין דעם לאַנד די שטעט
יאָרן לאַנג אין הינערפלעט.

יעדע שטאָט — די גרויס אַ קריי,
ניט צו געבן זיך קיין דריי.
אייער-אייער-אייערנעכטן
לייגט דאָרט יעדע הון אַן איי.
— הינער פירן הינער שעכטן
איינס דאָס צווייטע, לויט דער ריי.

וווּ זשע איז עס האָנעגלאַנד? —
צו דערלאַנגען מיט דער האַנט...

סאַראַ הונט! ווי ער איז שיין!
ניט צו גרויס און ניט צו קליין, —
ער איז סאַמע מיטלוווּקס,
אָט אַ שטייגער, ווי אַ פוקס.
מיט אַ פּליאַמע אויף אַן אייגל,
מיט אַ ווײדל ווי אַ בייגל,
מיט אַ הילכיקן געביל...
אָדער גאָר ער ליגט זיך שטיל,
האַלט דעם עק צונויפגעדרייט,
און ער דרעמלט שטילערהייט.
ער איז פריילעך און געזונט.
ס'איז פון כּלבים־לאַנד אַ הונט!
וואָס זשע הייסט עס כּלבים־לאַנד?
טאַקע שטאַרק אינטערעסאַנט!

בײַ זײַנע הויכע טויערן
שטייט אַ הונט מיט אויערן.
הינטער דער וואַנט דער טאָפּלטער
ליגט אַ הונט אין קראַפּעווע.
און דאַרפסטו ערגעץ גיין,
איז וואַרף אַ הונט אַ ביין.
אין אָט דעם לאַנד דעם דולן
איז וואָס אַ וואָרט — געבולן.
וואָס קען, מישטיינס, שוין געבן
אַזאַ מין הינטיש לעבן!

וווּ זשע איז עס כּלבים־לאַנד? —
צו דערלאַנגען מיט דער האַנט...

סאַראַ מענטש! ווי ער איז שיין
מיט זײַן טבע אַלץ פאַרשטיין,
מיט זײַן ליכטיקן באַנעמען.
טוט אַ הויב נאָר מיט די ברעמען,
טוט אַ שמייכל צי אַ זאָג —
און אין מיטן נאַכט ווערט טאָג!
ווו דער מענטש איז אָנגעקומען,
ווערט אין מיטן ווינטער זומער!
זאָל ער אייביק זײַן געבענטשט
ס'איז פון מענטשנלאַנד אַ מענטש.

ווו זשע איז עס מענטשנלאַנד? —
ס'איז דאָס לאַנד מיר אומבאַקאַנט.

לידער פון פריער

(ביזן יאָר 1948)


קרשן

די ווײַנשלבײמער בליִען

די ווײַנשלביימער בליִען
מיט דופּטיק־ווײַסן צווײַט.
עס קומט אַ שוואַלב צו פֿליִען,
פֿון פֿליִען איז זי מיד.
זי זעצט זיך אויף אַ ווײַנשלבוים —
און דאָס איז שוין אַ ליד.

אַ ווײַסער זעגל פֿינטלט
אויף בלויער טײַכנמיט.
דאָס פֿרילינגדיקע ווינטל
אַ שיפֿעלע נעמט מיט.
עס טראָגט דער ווינט דאָס שיפֿעלע —
און דאָס איז שוין אַ ליד.

דער וועג איז צו דער לאַנקע
דורכוים אין שפּורן — טריט.
נאָר ווער האָט דאָ געבלאָנקעט?
קיין העזל איז עס ניט.
אַ קינד איז דאָ אין וואַלד פֿאַרבײַ —
און דאָס איז שוין אַ ליד.

☆

שטיי ניט, מײַן פרײַנד, בײַ דער טיר, —
מע וועט דיך ניט לאָזן צו מיר.
די מאַמע וועט זאָגן, איך לערן,
דער טאַטע וועט זאָגן, וועסט שטערן,
די באָבע וועט קנייטשן דעם שטערן
און וועט דיך ניט לאָזן צו מיר.

קלאַפּ ניט, מײַן שענסטער, אין שויב, —
דאָס פאָרהאַנגל טאָן כ׳וועל אַ הויב,
וועט זאָגן די מאַמע — צו ליכטיק,
וועט זאָגן דער טאַטע — גאַנץ ריכטיק,
די באָבע וועט צושווײַגן וויכטיק, —
זי איז שוין אַ ביסעלע טויב...

ווען ס׳שלאָפֿן שוין אַלע, מײַן שענסטער,
אַט דעמאָלט קלאַפּ אָן אין מײַן פענצטער,
אַט דעמאָלט קום צו צו מײַן טיר, —
כ׳וועל תּיכף אַרויסגיין צו דיר.

די בלום אין קעלישעק

אַ קעלישעק איז נאָר פּאַר ווײַן.
איך שטעל אַ בלום אין אים אַרײַן.
ס'איז לאַנג דאָס שטענגל פון דער בלום,
און וויגט אין קעלישעק זיך אום.

דאָס וואַסער רויִק איז ווי גלאָז.
דאָס שטענגל פון דער בלום איז ראָז.
דאָס קעפּל פון דער בלום איז גרויס
און אויף דעם טישטעך קוקט אַרויס.

ווי שיין, ווי קלוג איז זי געבויט!
פאַרמאָגט אַ פאַרב פון יונגער הויט.
ווי בײַ אַ מיידל, בײַ דער בלום
אַ גרינינק קראַגעלע אַרום.

איך הער, זי לאַכט, נאָר אָן אַ קול.
כ'זע, שטויבפּעדעמלעך אָן אַ צאָל,
ווי ציינדלעך שטייען זיי געדיכט.
עס פאַלט אויף זיי פון טאָג דאָס ליכט.

און אויך דער קעלישעק פאַר ווײַן
צופרידן איז — וואָס ס'קען נאָר זײַן!
איך שטענגל וויגט קוים-קוים זיך אום,
ווי שיכּורלעך וואַלט זײַן די בלום.

☆

ניט צו דערציילן, ניט אַרויסצוזאָגן!
אַ גאַנצן טאָג אַ האַרץ אַ פולס מיט ליבשאַפט טראָגן,
דעם הימל ליב האָבן, די ערד, די שטערן,
און אַלץ, וואָס וואַקסט, וואָס טוט פון ערד זיך נערן;
פאַר יעדער קלייניקייט זיך זאָרגן, ווי אַ מאַמע,
דאָס ערשטע פייגעלע, חלילה, ניט פאַרזאַמען,
און בייזיין, ווען עס עפענען זיך אויף די בלומען,
צו יעדן פריינד באַצייטנס קומען,
קיין קינד ניט אָפּשטויסן, קיין אַלטן ניט פאַרשעמען,
איין קנייטשעלע בלויז האָבן צווישן ברעמען,
וואָס דאָס איז אויך פון ליבשאַפט אָן אַ שיעור —
פון העלער בענקעניש נאָך דיר.

דו געפעלסט מיר אַזוי

דו געפעלסט מיר אַזוי, ווײַל אין דרויסן איז וואַרעם,
ס׳איז שוין האַרבסט, נאָר דער הימל איז דורכזיכטיק בלוי,
צי ווײַל מיידלעך מיט בחורים גייען געאָרעמט?
דו געפעלסט מיר אַזוי,
דו געפעלסט מיר אַזוי!

דו געפעלסט מיר אַזוי, ווײַל דער טאָג וועט זיך פעלן,
ס׳וועט אַ ווינטער באַלד קומען מיט ווינט און גערווי...
דו געפעלסט מיר, ווײַל ס׳איז מיר אַזוי הײַנט געפעלן,
און דו פעלסט מיר אַזוי,
און דו פעלסט מיר אַזוי!

דו געפעלסט מיר אַזוי, ווײַל ס׳איז שווער צו דערקלערן,
וואָס פאַרקלערן און אויסקלערן קען אַלץ אַ פרוי.
דו געפעלסט מיר אַזוי, און איך גאַר שוין צו הערן
אָט די ווערטער פון דיר:
„דו געפעלסט מיר אַזוי!"

מיט אויפגעשטעלטע זעגלען

דו מיינסט, דו קענסט מיך גוט,
דו ווייסט שוין, ווער איך בין?
ניין, זאָג עס ניט, מע קען נאָך גאַרנישט וויסן.
און ניט דערפֿאַר, ווייל איך זאָל מיך פֿאַרשליסן
פֿון גאָר דער וועלט. אָ ניין, ניט דאָס.
נאָר ווײַל דו ווייסט גאָר ניט, וווּהין עס בלאָזט
מײַן ווינט. דו ווייסט, אויף וועלכן וועג דען
עס וועלן מיך פֿאַרטראָגן מײַנע זעגלען?

נאָר דיך מיט מיר מאַכט נאָנט דאָס ים־געזאַנג,
פֿון שיפֿן אונדזערע דער שכנותדיקער גאַנג,
און בײדע יונג, און ביידע — בײַ דעם רודער,
און ביידע מיטן ים אויף שטענדיק שוין פֿאַרברודערט,
און ביידע אַנדערש. אויף אַזוי פֿיל אַנדערש,
אַז אויב אַ מאָל אין ווײַטערדיקן וואַנדער
וועט אונדז באַגעגענען זיך זײַן באַשערט,
די שיפֿן אונדזערע פֿאַרבלײַבן קענען אָפּגעקערט,
די אַנקערס — ווײַט, די זעגלען — אָפּגעווענדט,
ווײַל איינער האָט דעם צווייטן ניט דערקענט.

☆

איך בענק נאָך דיר אַזוי,
אַז ווען איך כאַפּ זיך אויף,
דערזע איך פֿריִער דיך,
דערנאָך — די זון,
וואָס אין מײַן פענצטער שטראַלט.
אַ דורכזיכטיקע בענקשאַפט מיך באַפאַלט.
ווי דיך פון מיר
וואָלט אָפּטיילן אַ דין געגלאָזטע טיר,
און דײַן געשטאַלט
זיך לויכט דורך איר.
ס'איז פֿיינלעך דיך צו זען
אַזאַ מין נאָענטן און ווײַטן,
און דאָך וואָלט איך מיט קיינעם זיך ניט בײַטן.

איך קען אַלץ ניט באַשליסן

די פלומענביימער האָבן זיך צעבליט.
ער פרעגט, צי האָב איך ליב אים — יאָ צי ניט?

— איך וועל אַ טראַכט טאָן, איך וועל לאַנג ניט ציִען,
אָט זאָלן זיך די ווײַנשלביימער נאָר צעבליִען.

די ווײַנשלביימער האָבן זיך צעבליט.
ער וויל פון מיר אַן ענטפער — יאָ צי ניט?

— איך וועל אַ טראַכט טאָן נאָך, כ'וועל לאַנג ניט ציִען.
אָט זאָלן זיך די עפּלביימער נאָר צעבליִען.

די עפּלביימער האָבן זיך צעבליט.
ער מאָנט בײַ מיר אַן ענטפער — יאָ צי ניט?

— איך דאַרף אַ טראַכט טאָן נאָך, כ'וועל לאַנג ניט ציִען,
אָט זאָל זיך נאָר דער רויטער מאָן צעבליִען.

עס האָט דער רויטער מאָן שוין אויך צעבליט.
ער פאָדערט אַלץ אַן ענטפער — יאָ צי ניט?

— איך מוז אַ טראַכט טאָן, איך וועל לאַנג ניט ציִען.
זאָל נאָר דאָס ערשטע געלע בלעטל פליִען.

שוין הערבסט. דאָס ערשטע געלע בלעטל פליט —
איך קען אַלץ ניט באַשליסן — יאָ צי ניט...

בלויז איינס

און ווען עס וואָלט אין פעלד
איין גלעקעלע געוואַקסן,
איין־איינציק בלימל,
וואָלט עס אַלץ איינס דאָך בלוי זײַן ווי דער הימל.

ס׳וואָלט קריכן אַ זשוקל אויף דעם,
ס׳וואָלט אויף דעם זיך אַ באַבעלע וויגן,
און יעדער פֿאַרנאַכט וואָלט אַ טוי
אין זײַן ציינדלדיק קרוינדעלע ליגן.

נאָר ווען עס וואָלט וואַקסן אַליין דאָ,
בלויז איינס אין גאַנצן,
פֿון וואָס וואָלטן דענסטמאָל די קינדער
געפֿלאָכטן זיך קראַנצן?

בלויז איינס — ווער באַדאַרף עס?
פֿאַרזינקען עס וואָלט צווישן זאַנגען
און אין האַרבסט וואָלט עס ציטערן
עלנט אַזוי און געפֿאַנגען.

עס וואָלט איין־אַליין —
ווי צו וועלקן אַפֿילו ניט וויסן.
וואָלט דער ווינט אים זײַן אויסגעבלייכט קרוינדל
אויף פּיצלעך צעריסן.

☆

אַ פֿייגעלע פֿאַרשפּאַרן אין אַ נעסט איז ניט כּדאַי —
אַ פֿייגעלע איז שיין בלויז, ווען עס פֿליט פֿאַרבײַ.

אַ שטיינדל, וואָס עס לײַכט בײַם ים־ברעג אַזוי שיין,
ווערט אין די הענט בײַ דיר אַ פּראָסטער שטיין.

דאָס באַבעלע, וואָס אונטער גלאָז בײַ דיר,
האָט אָן דער זון פֿאַרלאָרן איר קאָליר.

ניין, אָפּטיילן האָט קיין מאָל ניט קיין זין
די פֿיש — פֿון וואַסער, פֿון דער קווייט — די בין.

אין דער נאַטור איז איינס אָן צווייטן גאָרנישט ווערט.
דאָס מינדסטע זשוקל דאַרף דעם הימל און די ערד.

לאָז אַלצדינג פֿרײַ — וועסט רײַך זײַן אָן אַ שיעור,
און וואָס דו רויבסט — וועט זײַן ניט קיינעם און ניט דיר.

☆

אין איינעם אַ שיינעם טאָג,
ווען דו גייסט אַרויס אין דײַן גאָרטן
און געפינסט ניט קיין קווייטן דאָרטן,
וואָס וואָלסטו טאָן דעמאָלט, זאָג?

ווען אין איינעם אַ שיינעם טאָג
וואָלסטו צוגעגאַנגען צום ברונעם
און קיין וואַסער דאָרט ניט געפונען,
וואָס וואָלסטו טאָן דעמאָלט, זאָג?

ווען אין איינעם אַ שיינעם טאָג
וואָלסטו טאָן מײַן טיר אַ צעעפן
און עס וואָלט דיך מײַן שמייכל ניט טרעפן —
וואָס וואָלסטו טאָן דעמאָלט, זאָג?

אַ קאָרנבלימל

איר האָט געזען שוין ווי אַזוי
אַ קאָרנבלימעלע ווערט גרוי?
פון אָנהייב איז עס טונקל בלוי
און שעמעוודיק צונויפגעפרעסט.
זײַן גרינער קנאָספּ איז אים אַ נעסט.
פון דאָרטן רוקט עס קוים אַרויס
דאָס שײנע קעפּעלע דאָס בלויס.

און שפּעטער שוין, צעבליטערהייט,
צעעפנט עס די בלעטלעך ברייט,
די שטויבפּעדעמלעך ווערן ווייך,
אַליין דאָס בלימעלע ווערט בלייך —
וואָס מער צעבליט, אַלץ פאַרבלאַז מער,
עס הענגט אַ טוי אויף דעם — אַ טרער.

דאָס גאַנצע לעבן זײַנס — די פאַרב.
כאָטש ס׳איז נאָך שיין, נאָר כ׳ווייס, עס שטאַרבט.
עס העלפט דעם ניט, וואָס עס איז שלאַנק.
איך קוק אויף אים מיט איין געדאַנק:
עס איז דאָך שוין אין גאַנצן גרוי.
ס׳וועט אים ניט אָפּפרישן דער טוי...

עס טרעפט אַ טאָג

עס טרעפט אַ טאָג אין אָנהייב פרילינג,
וואָס פונקט ווי האַרבסט איז ער פאַרוויינט.
דו גייסט אַרום, אַ קינד אַ שטילינקס
און קוקסט. ניט דאָס האָסטו געמיינט.

דער טאָג איז דורך און דורך אַ נאַסער,
ס'איז גרוי און כליופּיק דער שאָסיי.
פון הימל פאַלן שטיקער וואַסער,
וואָס ווילן ענלעך זײַן אויף שניי.

און ס'דוכט זיך, אַז די הײַזער וויאַנען,
צווישן די שטיינער שלאָגט אַ שוים.
די הויכע שטיוול זיכער שפּאַנען,
די העלע שיכלעך טרעטן קוים.

די פייגל פליִען גרינג ווי בלעטער —
אַ פאַל אַראָפּ, אַ הייב זיך אויף...
און ס'דוכט, אויף ווײַטע קילאָמעטער
דו הערסט די וועלט בײַ זיך אין הויף.

אַלץ — פונקט, ווי האַרבסט. נאָר חוץ די זאָרגן.
אין דעם דער חילוק איז, מיר שײַנט,
איך בין דערפאַר אַלץ מוחל הײַנט,
ווײַל ס'וואַרט אַ פרילינגטאָג מיך מאָרגן.

סוף מײַ

סוף מײַ,
די בלעטער װערן גרין,
און טונקל װערט דאָס גרינס,
אַ טאָג אַ זוניקער
איז איצט שױן ניט אַזאַ געװינס,
װי מיט אַ װאָכן דרײַ צוריק.
ס׳האָט זיך שױן צוגעװױנט דער בליק
צו אָט דער בונטער שפּיל אין פאַרבן.

פאַראַן געװיקסן,
װאָס באַטריבן שױן די פרילינגפרייד
מיט זײער שטאַרבן,
צו גרױס זײַנען די באַבעלעך,
און פױלן זיך אַ ביסל אונטער פליִען;
און אין באַגינען אין דעם פריִען,
און דורך די נעכט,
מער זינגט שױן ניט דער נאַכטיגאַל.

ער איז גערעכט —
דאָס שענסטע, װאָס ער קען, האָט ער אין מײַ באַװיזן.
און איצטער זינגען װיל ער ניט,
װײַל ס׳האָט פאַרװעלקט דער בעז,
און ס׳פאַלט שױן אָפּ דער צװיט.
די קוסטעס זײַנען שױן געװאָרן גאַנצע ריזן.
עס מאַכן יונגע פײגל זײער ערשטן רײס
אין הימל אין סופּמײַיִקן.

ס'איז היים.
פון טײַכל פון דערבײַיִקן
מיט פֿײַכטקייט שמעקט, מיט אַיִר,
אַ גאָטס בהמהלע פּאַלט אויף אַ בלעטל,
ווי אַ שטיקל פֿײַער,
הייבט אויף די פֿליגעלעך און פֿליט אַוועק.
איר קוקן נאָך די קריגעלעך פון טײַכנברעג
און שאָקלען צו פּאַוואָליע מיט די קעפּלעך.

אַ בין זעצט זיך אַוועק אויף מײַן געבלימלט קלייד,
און אָט בין איך,
און אָט — די בין,
און אָט — דאָס גרינע זשוקל.
ווי גוט, וואָס מײַנע אויגן קענען קוקן!
נאָר ביטער ווינציק קען איך פֿאַרגעדענקען!
ווי אומבאַהאָלפֿן כ'בין —
וואָס זאָל איך טאָן מיט אָט דעם זשוקל,
מיט דער בין,
מיט אָט דעם לעצטן טאָג פון מײַ?

און, שטומערהייט, איך רוף, איך שרײַ,
איך וואַקס אַרײַן אין בוים,
איך שטראָם אַרײַן אין טײַך,
איך שטעל אַוועק זיך מיטן גראָז באַגלײַך,
איך קער זיך אום צו זיך צוריק,
באַשווערט מיט זיסער לאַסט פון גרויסן גליק.

גייט אַ רעגן

גייט אַ רעגן,
שטעל איך אָן מײַן שירעם.
פּלוצעם קומען אָן אַנטקעגן
פירען.
פירען קומען אָן געאָרעמט,
זינגען,
קוקן אויף מײַן שירעם
אויף מײַן גרינגגן.

פרעגט מיך איינער,
צי עס שטערט מיר ניט דער שירעם קוקן,
און דער צווייטער —
צי ס'איז מיר אונטער דעם שירעם טרוקן,
און דער דריטער —
צי ס'פאַרבלאָזט ניט פון דער זײַט דער רעגן,
און דער פערטער טראַכט,
און האָט ניט וואָס צו פרעגן.

איך פאַרוואַרף מײַן שירעם
הינטער מײַנע אַקסלען —
אונדזער פרײַנדשאַפט זאָל
אונטערן רעגן וואַקסן.

נעמט מײַן שירעם
יעדער פֿון די פּירעך,
און ער פּרוּווט אַ רגע
שטײן אונטער אַ שירעם.

מיר געזעגענען זיך
און מיר לאַכן,
וואָס עס מאַכן זיך
אַזעלכע זאַכן —
מענטשן זאָלן וועלן
צײַט פֿאַרלירן, —
אין אַ רעגן שטײן
און שפּילן מיט אַ שירעם!

שניי

אומעטום איז ער היינט דאָ, דער שניי —
אין דרויסן, אויף די ביימער, אויף די ברעמען.
און יעדער, ווייל ער יאָ, צי וויל ער ניט,
מוז ער מיט דעם שניי זיך היינט פֿאַרנעמען.

מע קערט אים פֿון דער גאַס, מען וואַרפֿט אים פֿונעם דאַך,
מע שטויבט אים אָפּ פֿון הוט, מע טרייסלט אָפּ פֿון מאַנטל,
מע קומט אַהיים, מע טוט אַ קוק אין שויב —
דערזעט מען ווידער שניי — דעם אַזוי גוט באַקאַנטן!

אומעטום איז ער היינט דאָ, דער שניי.
ער הערט ניט אויף צו זיפּן און צו זיפּן...
ער צינדט זיך אָן אַ קאַלטער אויף די ווינעס,
און לעשט זיך אוים אַ הייסער אויף די ליפּן.

אַ שמייכל

מײַן ערנוואָרט, עס ליגט אין דעם אַ גרויסער שׂכל,
וואָס פּעיִק איז דער מענטש צו טאָן אַ שמייכל.
ער הייבט נאָר אויף די ווינקלען פון זײַן מויל —
און אַלץ אַרום ווערט וווּל, און ער אַליין ווערט ווויל.

ווײַל טאַקע, ווײַנען קען אַפילו דאָך אַ ביבער,
אַ פּאַפּוגײַ דעם מענטשנס רייד קרימט איבער,
אַ סאָווע לאַכט, אַ וואָלף קריצט מיט די ציינער,
און שמייכלען — דאָס קען נאָר דער מענטש, מער קיינער.

ס'באַגלייט אַ שמייכל אים זײַן גאַנצן לעבן.
ס'ווערט דורך אַ שמייכל אַפּט פאַרגעבן
דעם נאַר — זײַן נאַרישקייט, זײַן קליגן זיך — דעם קלוגן,
און ביז אין טויט אַרײַן אין שמייכל לעבט די יוגנט.

אַ ביימעלע

אַ ביימעלע איז ניט קיין קליינער בוים,
וואָס ווינציקער פאַרנעמט ער אָרט אין רוים.

אַ ביימעלע איז גאָר אַן אַנדער זאַך —
עס האָט אים אַנדערש גאָר די ערד פאַרטראַכט.

איך האָב פון קינדוויַיז אָן נאָך פאַרגעדענקט :
אַ ביימעלע איז פריילעך, און אַ בוים איז שטרענג.

אַ וואָלקנדל איז ניט קיין וואָלקן, וואָס איז קליין.
אַ וואָלקנדל האָט גאָר אַן אַנדער חן.

אַ זילבער-ליכטיקס, און די גרוים — אַ שפּאַן,
אין סאַמע העלע טעג איז עס פאַראַן.

פון דאַנען שטאַמט

די וועלט איז שטיל און צעברויזט,
נאָכגעביק און שטרענג,
אומענדלעך פריַי איז די וועלט,
די וועלט איז משונה ענג.

וואַקסט אַן עפּל אויס —
ווי רייַף איז אין אים די וועלט!
קיין איבעריקס — אויף קיין האָר,
און אויף קיין האָר ניט פאַרפעלט.

גאָר אַנדערש איז אָבער אַ טייַך —
ווי די וועלט איז דאָ ניט געניט!
זי הייבט אים צופעליק אָן,
און וואַרפט אים אַוועק אין דער מיט...

און פון דעם, וואָס די וועלט איז פריַי
און פאַרשיידן אָן אַ שיעור,
פון דאַנען מסתמא שטאַמט
מייַן אייַנגעליבטקייט אין איר.

צו מײַן זון

אויב איך בין דײַן מאַמע, מיינסטו,
אַז מיר ווילט זיך גאָר ניט שטיפן?
זאָגסט, אַז דער דיוואַן אַ שיף איז?
גוט, כ׳בין גרייט מיט דיר זיך שיפן!

...שווימען אונדז אַנטקעגן סעדער
(כ׳מיין די פאָרהענגלעך אין בלומען),
און דער שאַנק — אַ פעלדז אַ הויכער
איז אַנטקעגן אונדז געקומען.

דער ראָיאַל — אַליין דער ים־לייב! —
בייג זיך אָן, באַהאַלט זיך גיכער!
דאָ, אין ים אין דעם צעברויזטן,
מיטן לעבן ביסט ניט זיכער.

ס׳וועט אַ מעווע זײַן דער האַנטעך,
און דער לאָמפּ — די זון אין הימל.
...איז מיר שפּילן זיך דערעסן,
ראַנגל איך זיך מיטן דרימל.

נעמסט מיך מינטערן און וועקן,
ביז דו ווײַנסט זיך גאָר פונאַנדער.
— מאַמע, טראַכט מיר אוים ווי פריִער,
אַלצדינג זאָל דאָ הייסן אַנדערש!

מאַמע, וואָס האָסטו געלייגט זיך?
ס'איז אַ ים דאָך! האָסט פאַרגעסן?
— ניין, מײַן קינד, כ'האָב ניט פאַרגעסן,
נאָר ס'איז שווימען מיר דערעסן.

און דערצו נאָך גייט אַ רעגן.
זעסט, די טרערן דײַנע — טראָפּנס...
לאַכט מײַן בחור, און ער טראָגט שוין
מיר דאָס קישעלע צוקאָפּנס.

אַ בריוו

פון ווײַטסטן טישקעסטל, פון מײַן אַרכיוו
נעם איך אַרויס דעם ערשטן בעסטן בריוו.

דער בריוו איז אַלט, און געלבלעך — דער קאָנווערט,
דער כּתב — כ׳געדענק ניט ווען ער געהערט.

איך לייען גלײַכגילטיק אַ שורה פון דער מיט.
דערפאַר מײַן זון, צום בריוו בפירוש ציט.

— איך מעג אַראָפּנעמען די מאַרקע? — נעם!
ס׳בלײַבט דער קאָנווערט אַזוי ווי אָן אַ ברעם.

מיט פלינקע פינגער רײַסט מײַן קינד אַרויס
דעם אונטערשלאַק, ס׳פּאַפּירעלע דאָס בלויס.

און אַל דאָס איבעריקס ער וואַרפט גלײַך אָפּ —
ער דאַרף עס ניט, עס ליגט אים ניט אין קאָפּ...

איך וויל, ס׳זאָל מיך פאַרדריסן, נאָר אומזיסט.
און דאָס, וואָס עס פאַרדריסט מיך ניט, פאַרדריסט!

ווען האָבן צעבליט דיביימער?

ווען האָבן צעבליט די ביימער?
ס'איז פאַר מיר אַ סוד ביז איצטער.
כ'גיי אַרום — דאָס האַרץ פאַרטײַעט,
אַלע חושים אָנגעשפּיצטע.
ערשט געווען שוואַרץ די צווײַגן
און די קנאָספּן — שאַרף פאַרשניצטע,
פּלוצעם זע איך, שטייען סקווערן
מיט אַ גרינקייט העל באַשפּריצטע!

האָב איך ווידער שוין פאַרשפּעטיקט?
ווען זשע איז עס אַלץ געוואָרן?
...מיט אַ שטיפערישן שמייכל
קומען מיר אַנטקעגן פּאָרן,
אײַנגעליבטע אין דעם פרילינג,
קינדער ערשט נאָך פאַר אַ יאָרן.
און אָט זײַנען פיצלעך קינדער
בײַ די קינדער שוין געבאָרן!

ווען זשע איז עס פאַרגעקומען,
וואָס איך זע אַרום אַצינדער?
ווען צעבליִען זיך די ביימער
און ווען וואַקסן אויס די קינדער?
ווער טראַכט צו די וועלט צו בײַטן,
בײַטנדיק, זי מאַכן לינדער?
אַך, ווען איך וואָלט קענען זײַן כאָטש
פון איין גרעזל אַ דערפינדער!

מיט פרילינג אין די אויגן

ס׳מעג האַרבסט צי ווינטער זײַן, זאָל נאָר
דער בליק ניט זײַן פאַרצויגן.
עס זאָל בײַ דיר דאָס גאַנצע יאָר
זײַן פרילינג אין די אויגן.

מיט אַט אַזעלכע אויגן גיי
אין האַרבסט, אין ווינט, אין רעגן.
ס׳וועט די אומהיימלעכקייט צו זיי
דערגרייכן ניט דערוועגן.

דו רוף אַרויס פון קנאָספּ דעם קווייט,
דעם וואַסערפלייץ פון פרירן,
אום ווינטער פרילינגדיקערהייט
דו לאָז זיך גיין שפּאַצירן.

און דו צעגיסט אין דעם שפּאַציר
מתּנות — בעסטע יאָרן,
נאָר ס׳שטראָמט דער פרילינג אַלץ אין דיר,
און דײַנע אויגן קלאָרן.

דו וויגסט אַ קינד, דו גיסט אַ טרונק,
צי דו צעלייגסט אַ שײַטער,
דו נעמסט זיך מיט אין וועג אַ פונק
און לאָזסט מיט אים זיך ווייטער...

עס טוט די צײַט דיך פלינק אַ טראָג —
דײַן יוגנט איז פאַרפלויגן,
נאָר שטייסט בײַם אויפקום פונעם טאָג
מיט פרילינג אין די אויגן.

☆

ס׳ווערט געבוירן דער מענטש,
טרעפט אַ פּאַרטיקע וועלט.
ס׳איז צעמאָלן דאָס ברויט,
ס׳איז צעאַקערט דאָס פעלד.

און דער וואַלד איז אַ וואַלד,
און דער טײַך איז אַ טײַך,
און דער פויגל, וואָס פליט,
און די שלאַנג, וואָס זי שלײַכט, —
אַלץ איז גרייט שוין פון לאַנג.

נאָר דער מענטש, ער פאַרלאַנגט,
ס׳זאָל דער וואַלד גיין צום טײַך,
און דער טײַך — צו דער מיל.
און אַלץ פאָלגט אים און ווערט
אָט אַזוי, ווי ער וויל.

אָפט מאָל פלעגט אים אַ בוים
און דאָס וואַסער — דערטרינקט.
קומט אַ צווייטער באַלד אָן
און דאָס ליד ער דערזינגט.

ס'איז דאָס ליד פון דער זעג,
וואָס דעם בוים האָט געזעגט,
ס'איז דאָס ליד פונעם שטראָם,
וואָס די מיל האָט באַוועגט,

ס'איז דאָס ליד פונעם קינד,
וואָס דאַרף טאָן נאָך און טאָן, —
ס'איז דאָס ליד, וואָס איז אַלט
און וואָס הייבט זיך ערשט אָן!

איך ווער אַ ריכטער

אַלע נאַכט אין חלום כ׳ווער אַ ריכטער.
אַלע נאַכט — די אייגענע געשיכטע.

כ׳קום אין נירנבערג, אַן אומגעריכטע —
גיט אַ וואָרט מיר פון די ייִדן — דיכטער!

פון די ציפערן נאָך ניט דערפאָרשטע,
וואָס אין וויאַזמע, מינסק, סמאָלענסק און אָרשע,

צי איך מיט מײַן וויי אַרוים געשטאַלטן,
אונטער יעדער נומער אויסבאַהאַלטן.

כ׳טו זיי אָן אין הויט, אין פלייש און ביינער —
אין געריכטזאַל וואַגט ניט אָט׳מען קיינער.

יעדער איינער איז שוין אויפגערודערט,
יעדער נומער ווערט — אַ שוועסטער צי אַ ברודער;

יעדער נומער שפּאַנט צום אָרט צום שוואַרצן:
— מערדער! דו דערקענסט מײַן ווּנד אין האַרצן?!

...דער געריכטזאַל טוט אַ שווערן וויג זיך
כ׳קער אויף מײַן געלעגער אום צוריק זיך.

זיך אויפגעכאַפּט

זיך אויפגעכאַפּט
און דערהערט, אַז די שטילקייט יאָמערט.
דערפילט דורך פאַרמאַכטע פענצטער די קעלט.
אויף דער וועלט איז מלחמה.
צוויי ריזיקע ווערטער:
מלחמה, וועלט.

נאַכט.
די פינצטערניש רוקט אויף מיר בערג איצט.
וועמעס לעצטע מינוטן דער זייגער ציילט?
ערגעץ קושן זיך צוויי געליבטע.
און ערגעץ
האָט אַ קאָפּ פון אַ גוף זיך איצט אָפּגעטיילט.

איז ווי זשע קום איך גאָר איצטער שלאָפן?
פון טאָג אַראָפּגעטאַנצט,
ווי פון אַ שטיג,
און אין דער נאַכט געפאַלן...
די אויגן אָפן —
איך ליג.

ווערטער,
געהיימנישפולע ווערטער,
איר האָט די קראַפט זײַן גאָרנישט, און אַלץ.
איר טריקנט אויס,
און אויף אײַערע ערטער
בלײַבט דער אמת, ווי גרײַפּעלעך זאַלץ.

אויסגעבענקט

אויסגעבענקט איך האָב זיך נאָך דיַין נאָמען,
דעם, אויף וועלכן דו נאָר רופסט זיך אָפּ,
וואָס פון אים דאָס בלוט נעמט שטאַרקער שטראָמען
אין מיַין האַרץ, און ס׳דרייט זיך זים דער קאָפּ.

אויסגעבענקט איך האָב זיך נאָך דיַין אָטעם,
נאָך דיַין ליבער נאָענטער געשטאַלט,
נאָך דיַין קול, אַפילו נאָך דיַין שאָטן,
וואָס אין צימער אויף די ווענט ניט פאַלט.

וויַיט ביסטו, צו דיר דערלאַנגען כ׳קאָן נישט.
כ׳האָב אַ קורצן אַדרעס פון אַרמיי —
ערגעץ אין די קאַנטן פון וואָראָנעזש,
פעלדפּאָסט טויזנט זיבן הונדערט צוויי.

גיי און פּרוּוו מיט אָט אַזאַ מין נומער
אָפּזוכן אַ מענטשן אויף דער וועלט!
ערגעץ ביסטו איצטער אָנגעקומען,
און אויף נאַכטלעגער זיך אָפּגעשטעלט.

מיט אַ ביקס און מיט אַ לעפל אינעם שטיוול
האָסטו נאָר וואָס ערגעץ דורכגעשפּאַנט...
הערסט, איך וויל קיין סך ניט, נאָר אַ בריוול,
און די האַנטשריפט זאָל מיר זיַין באַקאַנט.

1942

שיק אַ גרוס

און אויב דו קענסט ניט דורך דער פּאָסט,
איז מיט אַ טויב, מיט אַ ווינט, וואָס בלאָזט,
מיט אַ בליץ, מיט אַ דונער — אַלץ איינס שיק אַ גרוס
ווו דו ביסט. צי איז דיר מײַן צער ניט באַוווּסט?
צי אפשר ביסטו ניט דער, וואָס פאַרטרויט
אַ פרײַנד? צי אפשר ביסטו גאָר טויט?

ס׳קען ניט זײַן! ניין, דו שוויַגסט ניט דערפאַר.
ס׳טאָר ניט זײַן אויף דער וועלט די געפאַר,
וואָס ניט בײַקומען זאָל זי דײַן קראַפט.
ווען דו ווייסט, וויפל פּײַן מיר פאַרשאַפט
יעדע נאַכט, ווען די שטילקייט מיך שרעקט,
די געדאַנקען פאַרלאָזן דעם ברעג,
און זיי שווימען אַוועק אין דער וועלט
דיך צו זוכן. נאָר אַט ווערט העל.
און דער טאָג ברענגט מיר שטענדיק אַ טרייסט:
דו לעבסט, דו וועסט שרײַבן, איך ווייס...

22סטער יוני

איך בין אַרויס, כ׳האָב צוגעמאַכט די טיר
און ניט געטראַכט, אַז זי וועט גלײַך פֿאַרשווינדן,
און אויך די גאַנצע שטוב מיט איר;
אַז ס׳קען אַ הויז זיך אַזוי גרינג צעבינדן
און אויסשיטן די שויבן און די ווענט;
אַז אין איין רגע ווערן קען פֿאַרברענט
אַלץ, אַלץ, וואָס ס׳האָט דער מענטש דערהויבן
און אויסגעוואַרעמט מיט די הענט.

איך בין אַרויס, כ׳האָב צוגעמאַכט די טיר
און ניט געטראַכט, אַז כ׳וועל זיך מער ניט קערן,
אַז אָט די גאַס, וואָס פֿירט פֿון שטוב, פֿאַרפֿירט,
אַז ס׳איז אַן אָנהייב פֿון אַ וועג אַ שווערן.
כ׳האָב אויף אַ ווײַלע צוגעמאַכט די טיר,
מיט קיינעם זיך אַפֿילו ניט געזעגנט,
צום גורל, וואָס געלאָקערט האָט נאָך מיר,
אַ שמייכלענדיקע זיך געלאָזט אַנטקעגן.

פֿון דעם, וואָס דאַרף באַלד זײַן, כ׳האָב ניט געוווּסט.
נאָר איצטער ווייס איך אַלץ (צי איז עס אַלץ?).
מײַן שטים, וואָס איז געווען אַ פֿייגעלע אין האַלדז,
איז איצט — אַ לייביכע בײַ מיר אין ברוסט.

1945

בײַם פרילינגטיש

שוין דורכגעהילכט דער לעצטער שאָס,
דער הימל — ווידער אַלץ איז קלאָר אים.
און ס'נעמט אַרויסוואַקסן דאָס גראָז
פון די נאָך פרישע ברידער־קברים.

דער פרילינגטיש געגרייט זאָל זײַן!
און טאַקע זע, די סאָסנעס שטייען,
ווי בוטלען ריזיקע מיט ווײַן,
און ס'בלײַבט נאָר איבער איינס — זיך פרייען.

די ערד, זי גרייט איר רײַכן טיש
מיט טעלער־אָזערעס, מיט בלומען,
מיט פרישן גרינס, מיט אויבס, מיט פיש,
און ס'בלײַבט נאָר איבער איינס — צו קומען.

עס גייען געסט פון גאָר דער וועלט,
נאָר ס'איז נאָך פול מיט פוסטע ערטער.
פאַר וואָס זשע זאַמט זיך דער, וואָס פעלט?
פאַר וואָס די שׂמחה אונדז פאַרשטערט ער?

דאָס מיידל טוט זיך אַלץ נאָך אָן,
און ס'פלעכט איר צו די האָר איר ליבער? —
אין איינעם מיט די זעקס מיליאָן
זיי ליגן לאַנג שוין אין די גריבער...

און ווען ס'זוכט נאָר ניט דער בליק,
נאָר ס'קלינגט דער ענטפער פראָסט און אָפן:
מע האָט נאָך אַלע זיי געשיקט,
בלויז בערג מיט אַש האָט מען געטראָפן.

פיר עקן וועלט, צעפראַלטע ברייט,
ווי דורכזיכטיקע ריזנטירן.
פון די, וואָס פעלן, קיינער גייט.
בלויז אויף די וועגן ווינטן פרירן.

צעמישט און שווער אַ בין פליט אום, —
זי וואָגט ניט נידערן אויף בלומען.
ערשט פאַר אַ רויטער מאָנענבלום
האָט זי אַ בלוטפלעק אָנגענומען.

דערמאָנונג

די קוילן אין אויוון דערפלאַקערן רויט,
דאָס טישטעך ווערט ראָזלעכער, ברוינער — דאָס ברויט,
עס בלינצלט אין פענצטער אַן אָפּשיַין אַ בלאַסער,
ס׳דערטראָגט זיך פון קיך דאָס כאָרכלען פון וואַסער.

דאָס קינד — ערשט אַנטשלאָפן, די קאָלדרע — פאַרשאַרט,
אַ פּיאַטקעלע לײַכט זיך אַרויס ווי אַ באַר.
און מיר, טאַטע-מאַמע, מיר קוקן מיט ליבע.
נאָר — נאָך אַ מינוט — און די וועלט קערט זיך איבער.

...דאָס קינד — אויף די הענט, און מיר לאָזן זיך גיך.
ס׳טוט אַן שווערע שטיוול דער מאַן אַנשטאָט שיך.
דער אויוון ווערט קאַלט, דאָס וואַסער — פאַרפראָרן,
דאָס צימער בלײַבט פּוסט ניט אויף טעג, נאָר אויף יאָרן.

און ערגעץ אַ קינד, ניט באַשוכט ניט באַקליידט,
און ערגעץ אַ מאַמע, וואָס וויינט שטילערהייט,
און ערגעץ אַ טאַטע — די ביקס אויפן רימען,
און ערגעץ אַ פּוסטער פאַרלאָזענער צימער...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

דאָס טישטעך ווערט ראָזלעך, ברוינער — דאָס ברויט,
די קוילן אין אויוון דערפלאַקערן רויט,
אין קיך — אַלץ דאָס אייגענע כאָרכלען פון וואַסער,
און מיר — ניט די אייגענע — עלטער און בלאַסער.

1946

מײַן ליד

עס טרעפֿט זיך מיט מיר, עס פֿאַרלויפֿט זיך מיט מיר —
כ'האָב מורא דערזען מײַן ליד אויף פּאַפּיר.

עס ליגט, ווי די שײַן אויף דעם זויבערן פֿלאַך,
פֿון אַלצדינג געהעפֿט און פֿון גאָרנישט געמאַכט.
כ'וויל אָננעמען עס, נאָר איך הער ווי דאָס לאַכט:

— מײַן דיכטער, מײַן ריכטער, כ'וועל ערגעץ ניט גיין!
איך בין שוין אַ וועזן פֿאַר זיך איצט אַליין.

ווער בין איך? ניט דאָס, וואָס האָסט זאָגן געוואָלט.
איך בין דײַנס אַ צאַפּל, דײַן תּנועה, דײַן קול.
געבאָרן אָט ערשט, ווער איך גלײַך דײַן אַמאָל. —

איך וויל זיך אַ וואָרף טאָן מיט טענות, נאָר כ'שפּיר,
ווי אונדז טײלט פֿונאַנדער דער בויגן פּאַפּיר,
און ס'איז צו מײַן ווייטיק ניטאָ שוין קײן שיעור.

פֿאַרעקשנט איך קום צו מײַן יינגערן ליד.
איך גלי עס אין האַרצן אַזוי ווי אַ שמיד.

אויב ס'איז אונדז צעשיידן זיך טאַקע באַשערט,
אויב קענסט נאָך ניט ווערט זײַן די פּײַן פֿון דער ערד,
איז זײַ כאָטש מײַן ווייטיק מײַן מענטשלעכן ווערט!

ליכט און שאָטן

און פּונקט ווי בלויזע לויב איז שטענדיק צביעות,
ווי אויגן דאַרפֿן האָבן וויִעס,
ווי אמת טיפֿע פֿרייד מאַכט ערנסט אַ געזיכט,
אַזוי איז אומבאַדינגט דער שאָטן צוליב ליכט.

און ווי עס זאָל ניט זײַן דאָס לעבן שיין,
קען אָן אַ זיפֿץ די וועלט זיך ניט באַגיין, —
אָט יענער זיפֿץ דער גרינגער און דער שטילער,
מיט וועלכן ס׳זיפֿצן אָפּ די גליקלעכסטע אַפֿילו.

☆

און אַז אַ בוים האָט נאָדלען, ניט קיין בלעטער,
איז דען פאַר אים אַלץ איינס, אַוועלכער איז דאָס וועטער?
און אַז דער בוים איז הויך, פון אַלע ביימער העכער,
און פּלוצעם קומט אַ ווינט, וואָס צווייגן ברעכט ער,
מיט דונער און מיט בליץ —
איז דען דער הויכער בוים פון אַלע מער באַשיצט?
און אַז עס האָט דער בוים אַ האַרטע קאָרע,
פילט ער דען די זעג ניט?
אַזאַ מין בוים האָב איך נאָך ניט באַגעגנט.

סוף ווינטער

ווינטער. און ס׳דוכט זיך, דער הימל פרירט.
אַלע פאַרבן פרירן.
שטאַרע ווײַסע קאָלירן
אָן אַ ברעג און אָן אַ שיעור.
די דורכזיכטיקייט פון שויב
מאַכט קאַלט, ברענגט אַרײַן דעם דרויסן.
מענטשן שטייען און שטויסן
דאָס אײַז — אַ קלאַפּ און אַ הויב
דעם לאָם — און אַנדערע פירן
אין הילצערנע קאַסטנס דעם שניי,
און אַלע פרירן.

אין אַזאַ טאָג
ווערט דאָס האַרץ פאַרפרעסט אין אַ פויסט.
אין אַזאַ טאָג
טראַכסטו און זאָגסט ניט אויס.
עס הענגט איבער דיר שווער אַ הימל פון בלײַ.
הייב ניט דעם קאָפּ אויף אַרויף —
ס׳איז קיין זון דאָרט ניטאָ סײַ ווי סײַ!

אונטער דעם פוסטן זונאָרט,
אָפּגעדעקט, שפּאַנט די וועלט,
שפּאַנט, ווי אויף גלאָז, אַ ניכטערע פון קעלט.
אַלץ — ווי פון מירמל פון טויטן געשניצט.
אַ טרוקענער שניי אַ געגרײַפּלטער שפּריצט.

...נאָר אָט טוט אַ וויג זיך דער פראָסט אין די שויבן,
אַ וואַרעמע ווייכקייט נעמט שטראָמען פון אויבן,
און איך דערפיל פון די העכסטע וועגן
דעם נאָך ניט געבאָרענעם ערשטן רעגן.

איך ליג אין גראָז

...די הייך איז אָן אַ ברעג,
קיין רגע ניט אַליין —
איין וואָלקן גייט אַוועק,
אַ צווייטער קומט צו גיין.

איין פויגל פליט אַרויס,
דער צווייטער בלײַבט אין נעסט.
אַ רגע דויערט בלויז,
זיי בײַטן זיך, דו זעסט?

דאָס גראָז אַרום מײַן קאָפּ
מיט שטילן פלײַס זיך מיט.
איין גרעזל שיט זיך אָפּ,
דאָס צווייטע זיך צעבליט.

געגנוג אַ מערשקע זען,
ווי ס׳ווערט אין גאַנצן קלאָר:
אַזוי פיל שוין געווען,
אַזוי פיל שטייט נאָך פאָר!

אין אָט דעם גרויסן ליכט
פון אָט דער גרויסער רו
ווער, אייגנטלעך, בין איך,
ווער, אייגנטלעך, ביסטו?

☆

פון גאָרנישט האָט זיך אויסגעשיילט:
די שטילקייט שרײַט,
דער זייגער הילכט,
פון דעם געדיכטן רעש איז טויב צו ווערן.
דער שפּיגל שטייט אַן אָפּגעגאָסענער מיט מילך,
און אומבאַקאַנטע חפצים מערן זיך און מערן...

אָט וועסטו ווידער קומען באַלד און זאָגן,
אַז דו האָסט מיך נאָר, מיך אַליין נאָר ליב.
...און ווי אַ שוועבעלע זיך טוט אַ ריב
אַ שוועלבעלע אַן שויב, און צינדט דעם טאָג אָן.

דער פויגל

אַ גאַנצן טאָג האָט מיך עפּעס געוואָרגן,
אַ גאַנצן טאָג האָט מיר אויסגעפעלט לופט.
כ׳בין איינגעשלאָפן צו נאַכט, און אויף מאָרגן
גאַנץ פרי דערהערט, ווי אַ פויגל רופט.

ס׳איז הינטער מיין פענצטער דער פויגל געפלויגן,
געוועדט און געזונגען, געוויינט און געלאַכט.
געלעגן בין איך מיט פאַרמאַכטע אויגן,
דערשטוינט, וואָס כ׳פאַרשטיי דעם פויגלס שפּראַך.

כ׳בין אפשר אַ פויגל און כ׳קען גאָר פליִען,
נאָר כ׳ווייס ניט אַליין וועגן דעם, און איך גיי?
און ס׳האָט ביי די אַקסלען גענומען מיך ציִען,
ווי ס׳וואָלטן זיך שניידן דאָרט פליגלען אויף זיי.

און דער פויגל הינטערן שויב האָט געשריגן,
זיין שטים האָט אין פריקייט פאַרשניטן זיך פריש:
„ביסט אַ גרויסער פויגל, אַ פויגל מיט פליגל,
כאָטש דו האָסט בלויז איין פעדער, און אויך —
אויפן טיש".

מײַן טאַטע

מײַן קינדערבעטל שטערט מיר אין די נעכט —
פֿאַרשטריקלט פֿון דער זײַט, פֿאַרהעקלט בײַ די ברעגן.
שטעק איך מיר אַרויס די האַנט דורך דעם געפּלעכט
און נעם מיט איר אין טונקלקייט באַוועגן.

דעם טאַטנס קאָפּ בײַם שרײַבטיש קוים זיך וויגט,
און אויפֿן באַלקן שטעמפּלט זיך זײַן שאָטן.
דער שאָטן פֿון מײַן האַנט לייגט דורך אַ בריק —
אַ גלעט צו טאָן זײַן קאָפּ איז מיר געראָטן.

ווי אַן אַקוואַריום, לויכט זיך זײַן גלאָז טיי,
דאָס לעפּעלע אין גלאָז זיך טונקלט, ווי אַ פֿישל.
דער טאַטע טוט אַ מיש די טיי, אַ הייב זיך און אַ גיי —
און אַלע שאָטנס אויפֿן באַלקן זיך פֿאַרווישן.

כ׳שלאָף אײַן. קען זײַן, אַז אַ מינוט נאָך דעם
בלײַבט שטיין מײַן טאַטע בײַ די שטריקלדיקע קראַטן,
און איך — איך כאַפּ זיך גאָר ניט אויף. מיך קלעמט,
וואָס איך געדענק הײַנט בלויז דעם שאָטן פֿון מײַן טאַטן.

מע זאָגט, מײַן טאַטע איז געווען בלויאויגיק, מיט אַ פֿונק
אין האַרצן פֿון אַ גאָט־געבענטשטן זינגער. — — —
אויף שטענדיק שוין וועט ער פֿאַר מיר פֿאַרבלײַבן יונג —
פֿון אַלע לעבעדיקע טאַטעס ייִנגער.

די באָבע און דער זיידע

איך האָב זיך היינט צום ערשטן מאָל צעביילט,
און אויפן שטערן טראָג איך שטאָלץ אַ ניסל.
די באָבע זאָגט: — דערפאַר, ווייל האָסט געאײַלט.
אַ קוועקזילבער אַזאַ, האָסטו געזען אַ ביסל!

עס טראָגט מײַן באָבע אַ געקעסטלט קלייד,
איז יעדעס קעסטעלע באַזונדער מיר באַקאַנט.
דער זיידע ענטפערט ניט אויף מײַנע רייד —
ער דאַוונט מיטן פּנים צו דער וואַנט.

און ווען ער וויגט זיך מורמלענדיקערהייט,
ווילט זיך מיר אַזוי פאַרלויפן אים פון פאָרנט.
צעקנייטשט די קעסטעלעך מײַן באָבע אויף איר קלייד
און זאָגט צו מיר מיט שטרענגקייט, אַז מען טאָר ניט.

גיי איך מיר צום שפּיגל צו דערווײַל,
אויף זײַנע דיקע קאַנטן שפּילן שטראַלן.
זע איך דאָרט מײַן שטערן מיטן בײַל,
און כ׳דערמאָן זיך, אַז איך בין געפאַלן.

ווי אַ רויך אַ ווײַסער

פֿאַר וואָס געדענק איך ניט מײַן קינדערשן געוויין,
מײַן טאַטן, וואָס זאָל מוסרן און שטראָפֿן?
כ׳געדענק אים ניט אַפֿילו בײַ מײַן בעטל שטיין, —
ווען ער האָט מיך געקושט, בין איך געשלאָפֿן.

פֿון יענע קעסטעלעך, וואָס אויף מײַן באָבעס קלייד,
דער פֿערזנבוי פֿון מײַן געזאַנג זיך קעסטלט.
ס׳קען זײַן, דעם זיידנס שמייכלען שטילערהייט
מיר העלפֿט אַצינד די וועלט מיט ליבע מעסטן.

קינדהייט גוטע! איך האָב דיך פֿאַרמאָגט,
ווי יענעם צויבער־שפּיגל אין דער קינדער־מעשׂה,
און קיינער האָט פֿון דעם מיר ניט געזאָגט,
ביז דו ביסט זיך צערונען, ווי א רויך אַ ווײַסער.

ס׳וואָלט גאָר ניט שלעכט זײַן

ס׳וואָלט גאָר ניט שלעכט זײַן, אויף מײַן ערנוואָרט,
זײַן ייִנגער אויף... איך ווייס ניט וויפל יאָר,
ס׳זאָל קלינגען, ווי אַ פּײַפּעלע, דײַן קול,
מע זאָל די מילך דיר אויסבלאָזן אין שאָל,
און דו זאָלסט אָדער וויינען אָדער לאַכן,
הנאה האָבנדיק פון ביידע זאַכן.

ס׳וואָלט גאָר ניט שלעכט געווען, אַ שטייגער, איצט,
אַנשטאָט צו זײַן פאַרטאָן און אָנגעשפּיצט,
אַרויסגיין גלאַט אַזוי אויף אַ שפּאַציר,
אַ קורצינק מאַנטעלע זאָל זײַן אויף דיר,
אַ שאַליק זאָל אַרומוויקלען דײַן האַלדז,
און דו, אַן אויסגעשלאָפנם און אַ קליינס,
אין זינען האָבן זאָלסט נאָר איינס —
אַרויסזאָגן דײַן מיינונג וועגן אַלץ.

און אַלע וואָלטן הערן דיך מיט פרייד,
און אַלע וואָלטן שלינגען דײַנע רייד.
נאָר איצטער, וואָס דו זאָגסט, איז אַלץ ניט דאָס,
און וואָס דו טוסט, איז ניט גענוג די מאָס,
ווײַל גרויסע וואַקסן דאָך ניט, ווי אויף הייוון,
און זײַנען צו פיל שוין אויף זיך אַליין אַ מבין...

☆

אַ פּאַסעק העלע טונקלעניש איז הימל,
אַ פּאַסעק שוואַרצע טונקלעניש איז ערד,
און ביידן זיי אַ וואָלקן העל צעשערט.

און פלוצעם פון אַנטקעגנדיקן טויער
ברעכט זיך אָפּ אַ קאַץ — אַ שטיקל נאַכט,
און ווערט אונטערן טויער אויסגעפלאַכט...

אין מיטן חושך, וועלכער אַלץ נאָך דויערט,
פון ערגעץ ווו מיט פריקייט טוט אַ טראַג,
און אויף די אויפגעשטעלטע שפּיזלעך פונעם טויער
פון גאָרנישט נעמט זיך שטריקן דער פאַרטאָג.

וואָס זשע טוט מען!

רו 113
וועגן חכמה 114
משוגע אויף טויט 115
די אייביקייט 116
ווען כ׳וואָלט וויסן 117
וואָס זשע טוט מען? 118
ווער וואָס איז אויסן 120
איך שרײַב 121
אין געגנדזונפיסלעך 122
✶ (איך בין יונג) 123
דאָס האַרץ פון אַ וואַלפיש 124
דאָרט, ווו ס׳הייבט זיך אָן די נעסט 125
דער האַלבער אמת 126
צו שפּעט 127
שפּיל איך 128
ס׳ייִדישע מיידעלע 130
✶ (קומען זיך צונויף גרוזינער) 132
✶ (איר קענט דאָס מענטשלעכע) 133
✶ (אין ישראל, דאָרט ווינען מײַנע
פרײַנד) 134
אַ חלום 135
דרײַ ברידער 137
זילבן 138

דרײַ מעשהלעך

אַ מעשה וועגן אַ זילבערנעם שלײַען
אַ בלײַענעם זײַען
און אַ ייִנגעלע אין קלײַען 141
אַ מעשהלע, וואָס צעגייט אין דער לופט 143
אַ מעשה פון מעשה־לאַנד 145

לידער פון פריִער

די ווײַנשלביימער בליִען 151
✶ (שטיי ניט, מיין פרײַנד, בײַ דער טיר) 152
די בלום אין קעלישעק 153
✶ (ניט צו דערציילן) 154
דו געפעלסט מיר אַזוי 155
מיט אויפגעשטעלטע זעגלען 156
✶ (איך בענק נאָך דיר אַזוי) 157
איך קען אַלץ ניט באַשליסן 158
בלויז איינס 159
✶ (אַ פייגעלע פאַרשפאַרן) 160
✶ (אין איינעם אַ שיינעם טאָג) 161
אַ קאָרנבלימל 162
עס טרעפט אַ טאָג 163
סוף מײַ 164
גייט אַ רעגן 166
שניי 168
אַ שמייכל 169
אַ ביימעלע 170
פון דאַנען שטאַמט 171
צו מײַן זון 172
אַ בריוו 174
ווען האָבן צעבליט די ביימער 175
מיט פרילינג אין די אויגן 176
✶ (ס׳ווערט געבוירן דער מענטש) 177
איך ווער אַ ריכטער 179
זיך אויפגעכאַפּט 180
אויסגעבענקט 181
שיק אַ גרוס 182
22סטער יוני 183
בײַם פרילינגטיש 184
דערמאָנונג 186
מײַן ליד 187
ליכט און שאָטן 188
✶ (און אַז אַ בוים האָט נאָדלען) 189
סוף ווינטער 190
איך ליג אין גראָז 191
✶ (פון גאָרנישט האָט זיך אויסגעשיילט) 192
דער פויגל 193
מײַן טאַטע 194
די באָבע און דער זיידע 195
ווי אַ רויך אַ ווײַסער 196
ס׳וואָלט גאָר ניט שלעכט זײַן 197
✶ (אַ פּאַסעק העלע טונקלעניש) 198
מײַן בוך אין פאַרלאַג 199

אינהאַלט

ס'איז ווערט!

אַנהייב יאָר 7
ס'איז ווערט 8
אַן אײַנפֿאַל 10
אויף אַפּרו 11
פֿון וואַגאָן־פֿענצטער 12
אין סאַד 13
האַרבסטרו 14
דער באַרנבוים 15
דאָס ליבסטע אָרט 16
ווי אַ העלע ראַקעטע 17
איך בין אַ טרעגער 19
צו דעם פּוך־בלימל 20
פֿון ציגעלעך 21
וויגליד 22
✶ (וואָס שאַקלסטו, בוים) 23
אַ גוטע שטימונג 24
✶ (עס זאָל שטילער זײַן) 25
פּינף חושים 26
צוגעטוליעטערהייט 27
אין אַ ווינטערטאָג 31
מײַן זיידנס קאָווע־מילכל 33
דער באָבעס שטייסל 34
שטייגער 35
אין אַ זײַדן העמדל 36
אַ נסיעה איבער אַלט־ווילנע 37
בעטגעוואַנט 39
✶ (מײַן ליד — אַ רעטעניש) 41
דאָס פּייגעלע 42
אַ גרויסן דאַנק 43
✶ (אויף יעדער פּראָגע) 44
✶ (הינטער די שויבן) 45
ירושלים 46

שטאַרקער פֿון אײַזן

טאָג־אײַן, טאָג־אויס 49
צינגער 50
אַ מעשה מיט אַ קנעכט 51
אַ שפּראַך 53
✶ (איך זינג און זינג) 54
✶ (געמיינט כ'האָב) 55
ווען ס'שטאַרבט אַ גרויסער דיכטער 56
דײַן ליכטיקן אָנדענק 57
ווידערקול אין די בערג 59
טויבשטומע 60
✶ (לאָזט אויף דער שוועל מיך ניט) 61
✶ (כ'האָב די לאַנגע אותיות געקירצט) 62
צו מײַן לייענער 63
אוי, דאָס שרײַבן 65
✶ (זאָל מײַנס איבערגיין) 66
די קליינע מלכהלע 67
✶ (כ'האָב זיך אומרו בײַם לעבן דערוואָרבן) 69
אין האַרבסט 70
געסט 72
צום פֿויגל 73
✶ (איך בין קראַנק) 74
דאָס קאַרטן־שטיבל 75
איך בין פֿון אײַזן 76
✶ (האַלט מיך, לעבן) 77
✶ (אויף אַלע סלופּעס) 78
✶ (עפּעס האָב איך זיך פּלוצעם צעלידלט) 79
מײַן יידישע שפּראַך 80
✶ (אַלע נאַכט) 83
דער וועג 84
✶ (גיט מיר, מענטשן) 85

דאָס מיידעלע

אַרײַנפֿיר 89
א. אַ מענטש פֿון פֿינף יאָר 90
ב. אין טעפּליושקע 92
ג. עס ריידן די רעדער 93
ד. דער בליק וואָס דויערט 95
ה. אויף דער קנופּ־סטאַנציע 96
ו. אונטער די וואַגאָנעס 97
ז. אַ רעטעניש 98
ח. ניט אויפֿגעוועקט 99
ט. גרויסע גוטסקייט 100
י. אין דער שטאָט בערדיטשעוו 103
יא. די ליאַלקע 106
יב. זייף־באַלאָנען 107
יג. רויטאַרמייִשע שינעלן 108
יד. אַ לעבעדיקער באַלשעוויק 109

מײַן בוך אין פֿאַרלאַג

װען ס'איז שױן געװען כּמעט װי פֿאַרטיק מײַן בוך,
פֿון דעסטװעגן האָב איך געטאָן נאָך אַ בלעטער, אַ זוך,

און אַזױ, װי מע ציט אַ סקאָפּקע פּאַװאָליע, אָן בלוט,
כ'האָב אַרױסגעצױגן אַ פֿערז, און עס איז מיר געװאָרן גוט.

מײַן בוך איז געװען שױן אין גאַנצן צונױפֿגעשטעלט,
און ס'איז אים געבליבן נאָר אײנס — דערזען די װעלט.

נאָר אַזױ װי אַ גנבֿ, װאָס שלעפּט פֿון אַן אָנגעמערקט אָרט,
עטלעכע שורות אַרױסגעשלעפּט האָב איך פֿון דאָרט.

און שפּעטער האָט מײַן קאָרעקטור מיר געזאָגט אַן אַ קול:
— מיר זען זיך מיט דיר אױג אױף אױג הײַנט דאָס לעצטע מאָל!

און װי מע ראַטעװעט, װאָס נאָר מע קען, פֿון אַ ברענענדיק הױז,
האָב איך עטלעכע װערטער געגעבן אַ כאַפּ אַרױס...